STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04737

ZIND GEGEN DI NATUR

Leonard Landes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בוך נומער 4

זינד געגען דיא נאטור

„תפארת בחורים כחם“
דער שטאלץ פון יונגע לייט איז זייער
קראפט.
משלי, כ, כט.

פערפאסט אונד הערויסגעגעבען

— פון —

דאקטאר לעאנארד לאנדעס,

נעוועזענער אסיסטענט פון אוניווערסיטי דיספענסערי, דעלמיט
דיספענסערי, פאסט גרעדיואייט האספיטאל, פאליקלינק,
בעלוויו האספיטאל דיספענסערי, לעבאנאן האספי־
טאל, ניו יארק אראל אינסטיטוט, ניו
יארק אינפערמערי, דייטשען פאליקלי־
ניק, מאנט סייני האספיטאל דיס־
פענסערי, געוועזענער ארצט
דער פאנאמע רייל
ראאד קאמפ.
אונד דירעקטאר פון עלעקטרישען מעדיצינישען אינסטיטוט, ניו יארק.

פערפאסער פון „דאקטאר בוך“ „מעגנער פריינד“
און „דיא הייראטה“.

הערויסגעבער פון דעם מעדיצינישען זשורנאל „געזונד און לעבען“

---

140 E. 22td St. New York.
Office Hours: 9 a. m. to 8 p. m. Sundays: 10 a. m., 3 p. m.
PRICE, 20 CENTS.

Truly
Leonard Lincoln Landis

פאררעדע.

אין מיינע פריהערינע ביכער, וועלכע זיינען ערשינען, האב איך זיך געגעבען דיא מיהע צו צייגען דיא לעזער, וויא נויטהיג עס איז פיר דעם מענשען צו פיהרען א געהעריגען רעגעלמעסיגען לעבען.

אין מיין ערשטע ווערק „דער דאקטאר בוך“ גיב איך אן פערשיעדענע מיטלען צו קראנקהייטען, וואס יעדער מענש דארף וויסען, אום זיך צו קענען העלפען ביז ער קען בעקומען דיא בעהאנדלונג פון א דאקטאר, אדער וויא אין גאנצען צו פערמיידען א דאקטאר, אין אזעלבע פעללע וואו א געוועהנליכער מענש קען מיט געהעריגע מיטלען זיך אויסקורירען.

דאס צווייטע בוך „דער מענער פריינד“ וועלכער האט געמאכט אזא רושם, און איז פערקויפט געווארען נאהענט פון הונדערט טויזענד עקזעמפלארען, בעהאנדעלט ספעציעל וועגען מענער קראנקהייטען, אבער עס איז אויסגעארבייט אזוי אינטערעסאנט אז דער לעזער האט דערפון דיא גרעסטע נוטצען, און יעדער וואס האט געלעזען דיעזען בוך רעקאמענדירט א צווייטען.

דאס דריטע בוך „דיא הייראטה“ איז אזא ווערק וואס האט ניט קיין גלייכען אין דיא אידישע ליטעראטור, און עס איז זעלטען צו געפינען אין איין אנדער שפראכע. עס בעהאנדעלט דיא וויכטיגסטע פראגע פון דעם מענשענס עקסיסטענץ, און גיט ערקלעהרונגען וויא דער מענש דארף זיך אויפפיהרען פאר דיא הייראטה און נאך דיא הייראטה. דיא זיטען און חתונה מנהגים צווישען פערשיעדענע פעלקער זיינען העכסט אינטערעסאנט און בעלעהרענד. דאס בוך איז ניצליך פיר יעדען מענשען, יונג און אלט, מאן אדער פרוי.

דיעזער בוך איז דער וועלט א גרויס געשאנק,
דר. לאנדעס קומט דערפאר דעם גרעסטען דאנק.

אין דיעזען בוך בעהאנדעל איך אויך איינע פון דיא וויכטיגסטע פראגען, נעמליך: „זינד געגען דיא נאַטור“. דאָס איז דיא גרעסטע אורזאכע פון פערצונגליקען דיא מענשהייט, און דארום איז עס נאָטה־ווענדיג צו ערקלעהרען דעם מענשען אז עס איז ניט רעכט צו טהון אַזעלכע זאכען וואס זיינען געגען דיא נאַטור.

אַלעס וואָס איז בעשריעבען אין דיעזען בוך איז בעגרינדעט אויף פאקטען. דאס זיינען ניט קיין אויסגעקלעהרטע מעשיות, זאָנדערן בעריכטען פון האָספיטעלער, קרימינעלע פּראצעסען, ערפאהרונגען פון דיא גרעסטע פּראפעסארען און אויך ערפאהרונגען פון מיין אייגענע פּראקטיק.

מאנכע לעזער וואס זיינען געוואהנט אז דער פּערפאסער זאָל צו־פריעדען שטעלען זייער געשמאַק, וועלען פיעללייכט זאָגען אז עס איז אין אַנדערע שטעלען ניט אַנגענעהם צו לעזען. צו דיא לעזער וויל איך זאָגען אז אַלע וויסענשאַפטליכע ווערק זיינען טרוקען און לאַנגווייליג, דאָך בריינגט עס מעהר נוטצען וויא דער שעהנסטער שפּאנענדער ראָמאַן.

איינער צייגט אַן דעם צווייטען אַז ביי איהם איז דער נעקטיי ניט גוט אויסגעשלייפט. אַן אַנדערער מאכט דעם צווייטען אויפמערקזאם אַז אין אַ רעגען אָדער אין אַ פייכטען וועטער איז ניט ראַטהזאם צו געהן אין צוריסענע שיך, און זאָגט איהם דערביי אז דערפון קען ער זיך פערקיהלען, ווען מען זאָל דיא פערקיהלונג פערנאַכלעסיגען קען דערפון ווערען לונגען ענטצינדונג, און דער רעזולטאַט דערפון קען זיין אָדער אַ שנעלער טויט אָדער אַ לאַנגע דויערנדע קראַנקהייט. — ריעזע לאַנגע אָדער לאַנגווייליגע ערקלעהרונג איז אָבער פיעל ניצליכער פיר דעם מענשען אַלס יענע בעמערקונג דאָס דיא נעקטיי איז ניט גוט אויסגעשלייפט.

אזוי איז אויך מיט אַ בוך. מאנכע האָבען ליעב צו לעזען אַ שעה־

דר. לאַנדעס' ביכער דאַרף מען שטודירען,
וועט מען זיך גאָר פערשפּאָרען קורירען.

נעם ראָמאַן, אָדער א בעשרייבונג פון א שעהנעם געגענד. דאָס שטעלט צופריעדען זייער געשמאַק, אָבער לעזען א וויכטיגע וויסענשאַפטליכע ווערק, וועלכע מאכט אויפמערקזאם דעם מענשען אויף א וויכטיגען געגענשטאַנד און ערקלעהרט איהם דיא פאָלגען פון אונפאַרזיכטיגקייט, און צייגט איהם אָן וויא זיך צו פערהיטען פון שלעכטעס, אזא ווערק בריינגט נוטצען פיר דעם לעזער.

דיעזעס ווערק „זינד געגען דיא נאַטור" דאַרף געלעזען ווערען פון אַלע קלאַסען מענשען. עס איז זעהר וויכטיג פאַר יונגע לייט, ווייל דאָס וועט זיי צייגען וויא שעדליך שלעכטע געוואהנהייטען זיינען, און וויא אַזוי זעלבסט בעפריעדיגונג רואינירט דעם מענשען סיי גייסטיג, סיי קערפערליך. עס איז אויך וויכטיג פיר עלטערע מענשען צו לעזען, דערפאַר ווייל זיי וועלען דורך דעם דערזעהען דיא שעדליכע זאַכען צו וועלכע זייערע קינדער געוואהנען זיך, און וועלען דורך דעם פערשטעהען וויא נויטהיג עס איז צו פערהיטען זייערע קינדער דערפון.

אמאָליגע יאָהרען איז מעדיצין געווען פערוויקעלט מיט א שלייער פון געהיימניס. א געוועהנליכער מענש האָט ניט געקענט וויסען וויא אַזוי קראַנקהייטען ענטשטעהען און וויא זיך דערפון אויסצוהיטען.

פונקט אזוי וויא מען פלעגט אמאָל דאַרפען אָנקומען צו א געלעהרטען אָדער צו א גייסטליכען אויפשרייבען א בריעף אָדער א דאָקומענט, אזוי פלעגט מען זיך אַליין ניט קענען העלפען און מען האָט ניט געוואוסט וויא זיך אויסצוהיטען פון קראַנקהייטען, נור מען פלעגט זיך מוזען ווענען אַלעס ווענדען צו א דאָקטאָר.

יעצט אין אונזער ציוויליזירטער צייט, קען יעדער מענש אַליין שרייבען. ווארום? ווייל ער האָט געלערענט, ער האָט דיא מעגליכקייט דערצו.

דורך מיינע ביכער וועלכע איך האָב ביז יעצט אַרויסגעגעבען,

נאָך היינט טראָגען דאָקטוירים געהיימניסע א יעדער,
אָבער דר. לאַנדעס געהט אַרויס אָפען מיט זיין פעדער.

און וועלכע איך וועל ווייטער ארויסגעבען, בעצוועק איך צו געבען דיא לעזער א געלעגענהייט ארייינצוקוקען אין דיא געהיימניס פון מעדיצין, ארונטערצונעהמען דעם שלייער, אום יעדער זאל וויסען וואס עס איז פיר איהם שעדליך און פון וואס ער דארף זיך אויס־היטען.

איך בין זיכער אז לעזענדיג דיעזען בוך וועלען פיעל טראכטען ביי זיך: הלואי וואלטען אונזערע עלטערן און אור־עלטערן לעזען אזעלכע ביכער, און מיר וואלטען יעצט געהאט א פיעל געזינטערן דור, און קרעפטיגערע מענשען.

איך מוז אויך אויסדריקען מיין אינערסטען דאנק צו דיא לע־זער, וועלכע גיעבען מיר צו מוטה, ארויסצוגעבען מיינע ווערקע, צום נוטצען פון דער מענשהייט.

Dr. Leonard Landes.

140 איסט 22טע סטריט,



עלעקטרישע מאשין.

דר. לאנדעס אדרעסע פערגעסט נאר ניט:
140 איסט 22טע סטריט.

1טער קאַפּיטעל.

פערברעכען און שטראַף

אין יעדע געזעלשאַפט געפינט זיך א פּאָליציי צו כאַפּען פער־ברעכער, און ריכטער זיי צו משפּט'ן, און געפענגניסע וואו זיי צו פערשפּאַרען.

וועלכע פערברעכער זוכט מען ?

פערברעכער געגען דיא געזעץ פון דיא געזעלשאַפט.

געשייטע שווינדלער, און פעהיגע, פּראָפעסיאָנעלע פערברעכער ווייסען וויא זיך אויסצודרעהען פון פּאָליציי, און מיידען אויס דעם אורטהייל פון דיא ריכטער, און לעבען אָפּ זייערע יאָהרען ניט אָנ־זעהענדיג קיין געפענגנים.

דאָס קען נור פּאַסירען מיט אזעלכע פערברעכער וואָס בעגעהען א פערברעכען געגען דיא געזעץ פון א לאַנד אָדער געגען דיא געזעץ פון א געזעלשאַפט.

דיא וועלכע בעגעהען א פערברעכען געגען דיא געזעץ פון דיא נאַטור, ווערען בעשטראָפט פון דיא נאַטור אליין ; גאָר אָהן פּאָליציי און אָהן ריכטער. און וויא געשייט דער פערברעכער זאָל זיין, מוז ער דאָך בעצאָהלען דעם חוב.

ווען יעדער מענש זאָל בעטראַכטען פאַראויס דיא פאָלגען פון זיינע טהאַטען, דאַן וואָלטען מיר געהאַט א וועלט מיט אָרענטליכע, פיינע מענשען. איבערהויפּט ווען יעדער מענש וואָלט פאָראויס בעטראַכטען וואָס פיר א שטרענגע ריכטערין דיא נאַטור איז, דאַן וואָלטען אלע געוועזען ריין פון דיא זינד געגען דיא נאַטור.

דער אונגליק איז אָבער אַז דער מענש איז ניט פאָרזיכטיג

דער בוך „זינד געגען דיא נאַטור" וועט זיין דיא פּאָליציי צו היטען דער מענשהייט פון שמערץ און פון וועה.

גענוג, און טויזענדע מענשען בעגעהען פערברעכען טאָג טעגליך, און דיא געריכטס־הייזער זיינען אימער מעהר בעשעפטיגט, און דיא געפענגניסע ווערען אימער פוללער.

ווארום איז דאָס אזוי?

דער אנטוואָרט איז: אז דער מענש מאַכט ביי זיך רעכט אז ער מעג בעגעהן דעם פערברעכען, און אז עס איז איבערהויפט קיין פערברעכען, און ווען אפילו עס איז יא א פערברעכען, זעהט עס קיינער ניט און קיינער וועט דערפון ניט וויסען; און בעגעהענדיג דעם פערברעכען ווערט ער אזוי פערבלענדעט, און בעגעהט אזעלכע פעלערן, אז ער מוז ענדליך אריינפאַלען אין דעם נעץ פון דיא ריכטער און צונעהמען זייער אורטהייל.

אזוי איז אויך מיט דיא וואָס בעגעהען א פערברעכען געגען דיא נאַטור. אזעלכע זינד ווערען אָפ מייסטענס געטהון אין איינזאַמקייט און אין געהיים, און דער וואָס טהוט עס מיינט געוויס אז קיינער וועט דערפון ניט וויסען, און אז ער טהוט מיט דעם קיינעם קיין שאַדען ניט.

וויא געוואַלדיג דער טעות איז!

דער מענש ווערט בעשאַפען אין א וועלט וואו דיא נאַטור פערזאָרגט איהם מיט אַלע נויטיגע בעדירפניסע; און ווען דער מענש זאָל וויסען וויא צו געניסען דיא פריכטע פון דיא נאַטור, און לעבען אין האַרמאָני מיט דיא נאַטור, דאַן קען ער זיין דער גליקליכסטער, געזינדסטער און צופריעדענער פון אַלע בעשעפעניסען.

וואָס איז פיר א וואונדער ווען מיר זעהען אזוי פיעל ליידענדע? א וועלט מיט אָבגעשוואַכטע, אויסגעמאַטערטע מענשען, יונגע לייט מיט אַלטע פנים'ער, בלייכע, מיט בלויע רינגען אונטער דיא אויגען. צו פינף און דרייסיג, פערציג יאָהר זיינען זיי שוין אַלט, אָבגעלעבט, נור זיי לויפען אין דעם שטראָם פון דעם טעגליכען עקזיסטענץ, דער

אַלטע פנים'ער בלייכע יונגע לייט;
געהט צו דר. לאַנדעס, פערליערט קיין צייט.

אימפעט טראגט זיי. זיי אליין האבען קיין כח ניט.

פון קינדוויים אן געוואהנען זיי זיך צו אזעלכע זינד וואס עס איז ניט ערלויבט. זיי טהוען עס אין דער שטיל, ווען קיינער זעהט ניט, און זיי מיינען אז זיי נארען דיא וועלט.

מיר שיקען אונזערע קינדער אין דיא סקוהלס, מען לערנט זיי ספעלען, גרעמער, רעכענען, געאגראפי, און נאך אנדערע זאכען וועל־כע מען האלט פיר וויכטיג, אבער מען גיט זיך ניט דיא מיהע אבצו־האלטען דיא קינדער פון אוננאטירליכע טהאטען. מען בעטראכט פיר וויכטיגער, אז דאס קינד זאל וויסען וואו בארנעא איז, אדער וויא מען האט גערופען א קעניג פון דעם דרייצעהנטען יאהר־הונ־דערט, אלס צו פערזיכערן דיא בעזייטיגונג פון שלעכטע און געפעהר־ליכע געוואהנהייטען, וועלכע רואינירען זיין קערפער און גייסט, און דיעזע געוואהנהייטען צושטערען זיין גאנצען עקסיסטענץ.

מיט אויף אזא ארט וואקסט אויף אונזער יוגענד, איך מיין ניט גראדע יעצט, דאס עקסיסטירט שוין פאר דורות און דיא געלעהרטע גיבען זיך אפ צו מאכען פערשיעדענע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען, מען פערלייכטערט דיא ארבייט דורך נייע ערפינדונגען, אבער דאס נויטיגסטע ווערט פערנאכלעסיגט.

עס איז דיא פליכט פון עלטערן, עס איז דיא פליכט פון לעה־רער, עס איז דיא פליכט פון קינדער ערציהער צו שטודירען אזעלכע צווייגען פון קענטניס און וויסענשאפט דורך וועלכע זיי זאלען זיין אימשטאנדע צו ערציהען א קרעפטיגען, שטארקען דור, אזוי וויא דיא ספארטאנער זיינען געוועזען.

עס איז וואהר אז ספארטא האט ניט ארויסגעגעבען קיין וויכטיגע דיינקער, קיין גרויסע פילאזאפען, קיין בעריהמטע ערפינדער, דער־פאר אבער האבען זיך דיא ספארטאנער געדעכענט אלס געזונדע, קרעפטיגע מענשען. יעדער פון זיי איז געוועזען א קריעגער, דאס

ווילט איהר ערציהען איין קרעפטיגען דור?
הערט דעם ראטה פון דר. לאנדעס נאר

הייסט: יעדער איז געוועזן שטאַרק געגען צו געהן אין שלאַכטפעלד. דיא ערציהונג איז ביי זיי בעשטאַנען אין פיזישע ענטוויקלונג מעהר אַלס אין גייסטיגע ענטוויקלונג.

דורך געהעריגע מיטלען און פּאַרזיכטיגע ערציהונג, קען מען אויסוואָרצלען און פערניכטען דיא געוואָהנהייטען צו וועלכע מענשען גיעבען זיך אָפּ אין דער יוגענד, וועלכע רויבט פון זיי אוועק דיא מעגליכקייט איינצופונדעווען א שטאַרקען, קרעפטיגען קערפער, און לאָזט ניט צו דיא מאַכט זאָל זיך ענטוויקלען ווי געהעריג.

אנאניזם, זעלבסט־בעפריעדיגונג, איז איינע פון דיא שרעקליכע געוואָהנהייטען צו וועלכע מענשען גיעבען זיך אָפּ.

פּונקט אַזוי וויא איינער פאַנגט אָן פון א קליינע פערברעכען געגען דיא געזעלשאַפט, דאַכט זיך ער האָט גע'גנב'עט א פּעקעל סיגאַרעטס, דאָס איז דאָך א קלייניגקייט. דערווייל האָט ער דערמיט געשטילט זיין וואונש צו רויבען. אין א קורצע צייט אַרום געלוסט זיך איהם גנב'ענען נאָך עפּעס וואָס עס זאָל שטילען זיין וואונש, און אויף אַזאַ אַרט ווערט ער א גנב. דער ערשטער פּעקעל סיגאַרעטס — דאָס האָט געשטילט זיין וואונש — דאַכט זיך אַזאַ קלייניגקייט? אָבער וואָס פיר א גרויסער גנב ער קען דורך דעם ווערען! וויא אָפט פיהרט עס דעם מענשען צו געפענגניס? ער פערליערט אין גאַנצען דעם ווערטה אַלס מענש, אַלע בעקאַנטע קעהרען זיך פון איהם אָפּ, און ער ווערט פעראַכטעט פון יעדען וואָס ווייס פון זיין פערברעכען.

איז עס אויך אַזוי מיט דעם וואָס בעגעהט א פערברעכען געגען דיא נאַטור, דורך זעלבסט־בעפריעדיגונג? ניין! עס איז טויזענד מאָל ערגער! ער פאַנגט דאַכט זיך אָן פון א קלייניגקייט, אָבער שטופּענווייז ווערט דיא געוואָהנהייט אַזוי איינגעוואָרצעלט, אַז דער מענש ווערט דער שקלאַף פון זיין געוואָהנהייט, און רואינירט זיין געזונד, זיין קערפּער, זיין פערשטאַנד און זיין גאַנצען עקזיסטענץ.

זאָגאָר ווען אייער קערפּער איז רואינירט;

פון דר. לאַנדעס ווערט איהר קורירט.

וויא שרעקליך און גרויזאַם דיא נאַטור רעכענט זיך אָפּ מיט דיא וואָס בעגעהען געגען איהר אַ פערברעכען!

ווען איהר געהט אין גאַס קענט איהר באַלד דערקענען דעם וואָס געברויכט זעלבסט-בעפריעדיגונג, און ער ווייס דערפון און שעהמט זיך, און סמייעט ניט אויפצוהויבען דיא אויגען. ער געהט אין גאַס וויא אַ פערברעכער, ווייל ער ווייס אַז זיין געזיכט מסר'ט איהם.

דיא נאַטור בעשטראַפט אַזוי דעם מענשען אַז דיא גאַנצע וועלט איז פיר איהם אַ געפענגניס, און אַלע זיינען זיינע ריכטער. ער קען זיך אויף קיין פאַל ניט אויסדרעהען פון דיא שטראָף וועלכע דיא נאַטור גיט איהם, דערפאַר וואָס ער בעגעהט געגען איהר אַ פערברעכען.

און דער וואָס דיינקט אַז דער אָנאַניסט בעגעהט נור אַ פערברעכען געגען זיך אַליין, ער רואינירט נור זיין אייגענעם געזונד, דער האָט אַ טעות.

דער אָנאַניסט בעגעהט אַ פערברעכען געגען זיך אַליין, ווייל ער רואינירט זיין געזונד; ער בעגעהט אַ פערברעכען געגען דיא נאַטור, דערמיט וואָס ער מיסברויכט דיא נאַטירליכע געזעצע; און בעגעהט אַ פערברעכען געגען דיא געזעלשאַפט, ווייל פון איהם קען ניט ארויסקומען קיין געזונדע דורות, און ווען אַזאַ הייראַטהעט, זיינען זיינע קינדער שוואַכע, בלייכע, בלוטאַרמע און קריינקליך. זיי ליידען פיר דיא זינד פון זייער פאָטער.

אויף אַזאַ ארט איז דער אָנאַניסט אַ דרייאיגער פערברעכער, דאָס הייסט ער בעגעהט זינד געגען זיך אַליין, געגען דיא נאַטור און געגען דיא געזעלשאַפט.

און דארום איז דיא שטראָף פון דעם וואָס בעגעהט אַ פיעלפאַכען פערברעכען אויך זעהר גרויס. ווען ער קומט צום שכל און וויל שוין אָנפאַנגען צו לעבען וויא געהעריג, איז ער שוין דאָן אַ שאַרבען.

ווען דיא נאַטור וועט אייך בעשטראַפען און בעליידיגען;
וועט אייך דר. לאַנדעס בעפרייען און פערטהיידיגען.

אין דעם יאָהר 1493 איז געבאָרען אַ'ן אבשטאַמונג פון א פרוי אונד אַ הונט. פון האלבען קערפער ארויף איז עס געוועהן עהנליך צו דיא פרוי, דיא מוטער, אונד דער אונטער־שטער טהייל קערפער איז גע־ווען עהנליך צום פאָטער דעם הונט. דיעזען וואונדער האט מען אוועקגעשיקט צום פּאַבסט וואָס האט דאן געהערשט, לויט וויא וואטערן האט עס בעשׂ־ריעבען. אויך קארדיין דערמאָנט דיא זעלבע געשיכטע.

דער מאנן האט געליטען פון האאר קראנקהייט, זיין געזיכט איז געווען בעוואק־סען מיט האאר אונד האט אויסגעזעהן וויא א הונט. ער איז געבארען אין קאווקאז, אונד מיט איינינע יאהר צוריק האט מען איהם געבראכט אין א ניו יארקער מיוזעאום.

דיא קרעפטען וועלכע ער האָט אָנגעוואָרען קען ער ניט צוריק קריגען. ער איז מקנא דעם מאַן וואָס האָט אַ שעהנעם פאַרב אין געזיכט, ער איז מקנא דעם וואָס האָט אַ גלייכען, דרייסטען גאַנג, ער איז מקנא דעם וואָס האָט לעבהאַפטע אויגען, ער איז מקנא דעם וואָס האָט אַ ריינע, קלאָהרע שטימע און רעדט מיט ענטשלאָסענהייט, ערשט דאַן פיהלט ער וויא ניעדעריג, געבראָכען און געזונקען ער איז, און פאַנגט אָן צו דיינקען וועגען זעלבסטמאָרד. און דאַן אַנערקענט ער וויא שרעקליך און וויא שוידערליך דיא נאַטור האָט איהם בע־שטראַפט פיר זיין פערברעכען.

אָבער וואָס איז דיא פעולה פון פערצווייפלונג?

פיעלע מענשען ווערען רואינירט דערפאַר ווייל זיי דיינקען, אַז פיר זיי איז שוין ניטאָ קיין הילף. זיי לאָזען זיך אין גאַנצען איבער צום שיקזאַל און דיינקען אַז דער שיקזאַל וועט זאָרגען פיר זיי. אַ טעות. זיי אַליין דאַרפען וועגען זיך זאָרגען. ווען אַזעלכע מענשען ווענדען זיך צו אַ ספעציאַליסט, וועט ער זיי באַלד זאָגען אויב פיר זיי איז דאָ אַ הילף אָדער ניט.

איך האָב שוין פיעל מאָל געהאַט אַזעלכע פאַציענטען וואָס זיי־נען צו מיר געקומען מיט דיא ווערטער:

„הערר דאָקטאָר! איך האָב שוין אַלע מיטלען פראָבירט און קיין זאַך האָט מיר ניט געהאָלפען. יעצט בין איך געקומען צו אייך. איך האָב ווייניג האָפענונג געזונד צו ווערען, דאָך האָב איך בעשלאָ־סען צו געהן צו אייך, ווייל איך האָב געהערט פון פיעלע מענשען אַז איהר האָט זיי געהאָלפען“.

זעהענדיג דעם קאָנטראַסט פון דיא פאַציענטען און דיא צייט ווען זיי קומען צו מיר און נאָכדעם וויא איך האָב זיי בעהאַנדעלט, מיט דיא נייעסטע וויסענשאַפטליכע ערפינדונגען, איז ווירקליך צו בעוואונדערן וואָס פיר אַ פראַגרעס דיא מעדיצינישע וועלט האָט

ווען איהר שטעהט פאַר דעם ריכטער, דיא נאַטור!
איז דר. לאַנדעס דער בעסטער לאָיער; מיט זיין קיור...

געמאַכט אין דיא לעצטע צוואַנציג יאָהר, און וויפיעל דיא עלעקטרי־שע ערפינדונגען האָבען אין דעם מיטגעהאָלפען.

מענער! אויב איהר פיהלט אז דיא נאַטור בעשטראַפט אייך פיר אייערע זינד, מוזט איהר זיך פערטהיידיגען, אָבער איהר דאַרפט וויסען אז געגען אַ שטרייגנען געריכט מוז מען האָבען אַ גוטען לויער, און אַזוי וויא דאָ האַנדעלט זיך וועגען דיא געזונדהייט פון אייער קערפּער, מוזט איהר זיך ווענדען צו אַ גוטען דאָקטאָר, וועלכער איז אַ ספּעציאַליסט אין דיעזען פאַך.

דר. לאַנדעס אדרעסע פערגעסט נאָר ניט :
140 איסט 22טע סטריט.

2טער קאַפּיטעל.

דיא פיזיאָלאָגיע פון געשלעכטליכע פערבינדונג, און וואָס עס ערוועקט דיא סענסואליטעט

דיא ענטוויקלונג פון געשלעכטליכען לעבען ענטשטעהט דערפון וואָס ביי דעם מענשען ווערען דיא אָרגאַנישע עלעמענטען אויפגערייצט דורך רעפּראָדוצירענדע שטאָפען.

ווען דער מענש געפינט זיך אין אַזאַ צושטאַנד, פיהלט ער אַז עס האָט מיט איהם פּאַסירט אַן ענדערונג. דורך לעזען און אַנדערע ערפאַהרונגען אין טעגליכען לעבען ווערט ער בעקאַנט וואָס דיא ענדערונג איז, און דיא פּאָדערונגען דערפון, דאס ברייגט אין דעם מענשען דעם וואונש צו געשלעכטליכע פערבינדונג.

אויף אַזאַ אַרט ווערען אין דעם מענשען פעראייניגט דער גע־פיהל פון געדאַנקען מיט דיא רעפּראָדוצירענדע אָרגאַנישע עלעמענ־טען, וועלכע שטרעבען צו איין ציעל, און ערוועקען אידעען, פאָרשטע־לונגען און אויפרעגונגען וועגען געשלעכטליכע פערבינדונג.

עס זיינען דאָ פיעלע זאַכען וואָס ערוועקען אין דעם מענשען דעם געדאַנקען וועגען געשלעכטליכע פערבינדונג, אָבער דאס איז בעשטימט אַז דער גערוך פון בלומען רייצט אויף דיא ליידענשאַפט. קאַרדינאַל רישעליע *) האָט צוליעב דיעזען צוועק געלעבט אין איין אַטמאָספערע פון שטאַרקע, שמעקענדע פערפיומען.

---

*)קאַרדינאַל רישעליע איז געוועזן דער גרעסטער פראַנצויזישער שטאַאַטסמאַן פון 17טען יאהרהונדערט.

דעם בעגריף פון דעם נאַטירליכען געשלעכטליכען לעבען,
וועט אייך דר. לאַנדעס' ביכער געבען.

אין אָריענט ווערען דיא פערפיומען בעטראכט אלס אנגענעהם, וועלכע רייצען אויף דיא געשלעכטליכע אָרגאַנען; און דערפאר איז דער הארעם פון סולטאן אָנגעפיעלט מיט פערפיומען און שמעקענדע בלומען. ניט נור בלומען, זאָנדערן אַנדערע גערוכען רעגען אויך אויף.

פּראָפעסאָר מאָסט, פון ראָסטאָק, בעשרייבט פאָלגענדע גע־שיכטע: „איך האָב ערפאהרען פון א יונגען בויער, אז ער האט אויף געדעגט פיעל אָרענטליכע מערכען (יונגפרויען) און האט לייכט ער־רייכט זיין ציעל דורך דעם וואס ער פלעגט האלטען זיין טאשענטוך צווישען דיא געשלעכטליכע אָרגאנען, ווען ער פלעגט טאנצען, און נאכהער פלעגט ער מיט דיא טאשענטוך אָבווישען דעם שוויים פון א מערכען'ס געזיכט.

דערפון קען מען זעהען אז דורך דעם שוויים קען מען ערוועקען דיא ליידענשאפט פון א פערזאָן פון איין אנדער געשלעכט.

עס איז דאָ פאסענד צו בעמערקען א מנהג וואס פיהרט זיך ביי דיא איינוואָהנער פון דיא פיליפינען אינזלען: ווען א פערלאָבטע פּאָאָר דארף זיך צושיידען, בייטען זיי זיך איבער מיט דיא בגדים, און דאָס איז אַ צייכען פון טריייהייט. דיעזע בגדים ווערען זעהר פּאָרזיכטיג בעהאלטען, און גאַנץ אָפט נעהמט מען עס ארויס און מען קוסט עס און מען שמעקט זיך אָן מיט דעם ריח און מען בעהאלט עס ווידער.

עס איז וויכטיג צו בעטראכטען פאָלגענדע פאטהאָלאָגישע פאקטען.

קליינע קינדער ווערען אויפגערעגט דורך דעם וואָס מען שמייסט זיי, און עס פאסירט גאַנץ אָפט אז דורך שמייסען פאנגען זיי אָן צו פערלירען זאָממען, דאָס ערוועקט אין זיי אינסטינקטיוו דעם וואונש צו געשלעכטליכען פערקעהר, נור אזוי וויא זיי זיינען נאָך צו יונג, פאנגען זיי אָן זיך צופריעדען צו שטעלען אויף א אוננאטירליכען

דער זינדער מוז דעם געפיהל פון ליעבע פערליערען,
נאָך דר. לאַנדעס קען איהם קורירע׳

ארט, ד. ה. דורך זעלבסט-בעפריעדיגונג. דערפאר קען מען זעהן אזוי פיעל בלייכע פנים'ער אין דיא חדרים, וואו דיא רבי'אים נעהמען זיך דאס רעכט צו שמייסען דיא קינדער וויפיעל זייער הארץ געלוסט.

עלטערן דארפען דאס נעהמען אן אכט און בעשטראפען זייערע קינדער, ווען זיי פערזינדיגען זיך, אויף איין אנדער ארט.

מאנכע לעזער וועלען זיך וואונדערן איבער דיא בעהויפטונג, אבער אויסער דעם וואס איך האב געהאט אין מיין פראקטיק אזעלכע פעלע, קען איך נאך ברייגגען אלס בעשטעטיגונג פילע פאקטען פון רעעלע בעשרייבונגען.

אין פאועלינים Flagellum Salutis געפינען מיר פאל־גענדע בעשרייבונג:

עס זיינען דא פעלקער וויא ביי פערסיאנער און ביי רוסען, וואו דיא פרוי איבערציינגט זיך אין דיא ליעבע פון איהר מאן ערשט דאן ווען ער שלאגט איהר, און עס איז צו בעוואונדערן אז דיא רוסישע פרוי איז קיין מאל ניט אזוי צופריעדען און פיהלט זיך בהרחבה אלס ווען זיא בעקומט גוטע קלעפ פון איהר מאן.

דזשאן בארקליי בעשרייבט אזא געשיכטע: א דייטש, מיט דעם נאמען יארדאן, האט געררייזט איבער רוסלאנד. דיא לאנד איז איהם געפעלען געווארען און ער האט בעשלאסען דארט צו פערבלייבען וואהנען. אין א קורצע צייט ארום האט ער געהייראטה מיט א רו־סישע פרוי, וועלכע ער האט געליעבט און געאכטעט. אבער דיא פרוי האט אימער ארויסגעציינגט אן אונצופריעדענהייט, אומעט און צייכענס פון פערוועלקען. דער מאן האט געפרעגט ביי איהר דיא אורזאכע דערפון, און זיא האט איהם געאנטוואָרט: „עס איז וואהר אז דוא ליעבסט מיר, אבער דוא צייגסט עס ניט ארויס".

„מיט וואס איז מיין בעהאנדלונג שלעכט?" האט ער געפרעגט,

פלאַנצונגען וועלכע מען געברויכט פיר מעדיצין.

„זאָג מיר וואָס דוא פערלאַנגסט, וועל איך וויסען וויא וויטער צו האַנדלען געגען דיר".

„איך פערלאַנג גאָר ניט", האָט זיא געאַנטוואָרט, „אָבער ביי אונז איז א מאָדע צו געברויכען דעם קאַנטשיק, אַלס א צייכען פון ליעבע".

יאָרדאַן האָט דערגאַנגען וועגען דיא פיהרונגען פון יענעם געגענד און האָט אויך אָנגעפאַנגען צו געברויכען דעם קאַנטשיק. ציים דאַן האָט דיא פרוי זיך אָנגעפאַנגען צו פיהלען מעהר צופריעדען, און זיא האָט אָנגעפאַנגען איהם מעהר צו ליעבען.

פעטער פעטריאום בעשרייבט עהנליכע געשיכטעס, און ער דערצעהלט אז עס זיינען דאָ פעלקער, וואָס ביי זיי איז איינגעפיהרט דאָס צווישען אַלע הויזליכע זאכען וואָס א יונגע פּאָאַר פאַלק קויפט איין, דאַרף זיך געפינען א קאַנטשיק, וועלכער ווערט בענוצט צו שלאָגען דיא פרוי, מיט דעם צוועק צו ערוועקען אין איהר דעם געפיהל פון ליידענשאַפט.

אין דיא מאָדערנע צייט פון דיא ציוויליזירטע וועלט ווערט בענוצט פערשיעדענע מיטלען צו ערוועקען דיא ליידענשאַפט דורך מעדיצין און אנדערע זאכען. דאָס גרעסטע טהייל פון דיא אוננאַטירליכע מיטלען וואָס רייצען אויף דיעזע געפיהלע, זיינען מעהר שעדליך אַלס נוטצבאַר. דאָך זיינען דאָ גוטע, ריכטיגע מיטלען וועלכע בעשטעהען אין דעם וואָס זיי ברייגען דעם מענשען אין א קרעפטיגען קערפערליכען צושטאַנד, און דער געפיהל פון ליידענשאַפט ווערט ערוועקט אויף א נאַטירליכען אַרט; דיעזע מיטלען זיינען אונשעדליך, און וואויל איז צו דעם וואָס לאָזט זיך ניט אריין אין דעם נעץ פון אוננאַטירליכע אויפרייצענדע מיטלען.

ווען אייערע קרעפטען ווערען אויסגעשעפּט,
וועט עס אייך געבען צוריק דר. לאַנדעס' רעצעפּט.

3טער קאפיטעל.

זעלבסט-בעפריעדיגונג.

(אנאניזם).

דיא וועלכע זיינען מיט דעם מיינונג אז אנאניזם איז שעדליך דערפאר וואס דורך דעם ווערט צו אפט און צו פיעל פערברויכט דיא זאממען, דארפען אויך וויסען אז דער צו אפטער געשלעכטליכער פערקעהר און דיא זעלבסט-בעפריעדיגונג — זיינען צוויי בעזונדערע געגענשטענדע און דארום דארף עס גאנץ בעזאנדער פערהאנדעלט ווערען.

אזוי וויא זעלבסט-בעפריעדיגונג (אנאניזם) איז זעהר פיעל פערשפרייט איבער דער וועלט, און צעהנדליגע טויזענדע מענשען זיינען אפפער פון דיעזע שרעקליכע און רואינירענדע זינד, וועל איך אין דיעזען בוך גרעסטענטהיילס בעהאנדלען וועגען אנאניזם אלס איינע פון דיא הויפט פערברעכען געגען דיא נאטור. מען קען ניט בעשטרייטען דעם פאקט אז דאס רואינירט דעם פונדאמענט פון דעם מענשען'ס לעבען, און עס איז דא זעהר פיעל וועגען דעם צו ריידען.

פארצייטען האט מען געהאט א גאנץ אנדערן בעגריעף וועגען אלע פערהעלטניסע וואס זיינען שייך צו ליעבע, און וועגען זעלבסט-בעפרידיגונג איז מען געווען גאנץ גלייכגילטיג, און דארום קען מען וועגען דעם ניט געפינען אין דיא אמאליגע מעדיצינישע ביכער, מיר מוזען זיך ווענדען צו דיא סאטירישע און פאעטישע ווערקע פון יענע צייטען אום בעקאנט צו ווערען מיט דיא צושטענדע פון זעלבסט-בעפריעדיגונג.

אין דיא ווערק פון היפאקראט (דער ערשטער וויסענשאפטליכער דאקטאר וועלכער האט געלעבט מיט 160 יאהר בעפאר קריסטוס, גע-

דר. לאנדעס אדרעססע איז:
140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

פינען מיר דיא ערשטע אָבהאַנדלונג וועגען דיא צושטערונגען וואָס קומען פון אָנאַניזם און וועגערישע פערגניגונגען.

ערשט אין דעם 18טען יאָהרהונדערט האָט מען אָנגעפאַנגען ערנסט צו פערהאַנדלען וועגען אָנאַניזם. דאָס איז געווען נאָך דעם וויא עס איז ערשיענען דאָס ענגלישע בוך „אָנאַניא". דיעזע ווערק האָט בעגייסטערט טיססאָט צו שרייבען א ווערק וועגען דיעזען געגענשטאַנד. טיססאָט'ס ווערק איז ערשיענען אין יאָהר 1760 אין לאַטיין, און אין יאָהר 1764 איז דאָס איבערזעצט געוואָרען אין פראַנצויזיש. דיעזע ווערק האָט געהאַט א גרויסען ערפאָלג, און עס איז ניט מעגליך צו בעשרייבען דעם אונגעהייער גרויסען איינפלוס און ווירקונג וואָס דאָס האָט געמאַכט סיי אויף דאָס פאָלק, און סיי אויף דיא מעדיצינישע פראָפעסיאָן פון יענע צייט. דאָך איז אין יענע ווערק דיא גאַנצע שולד געלייגט אויף דיא מאָראַלע זינד פון דיעזע טהאַט, און גיט זיך ווענינ אָב מיט ערקלערונגען וועגען דעם שאַדען וואָס עס טהוט דעם קערפּער, און וויא אַזוי עס רואינירט דעם געזונד.

אין דיא שפּעטערע צייטען האָט מען ערשט אָנגעפאַנגען צו בעטראַכטען דיא וויכטיגקייט פון אויפקלערען דיא מענשהייט און צו איבערצייגען וויא אַזוי דער מענשליכער קערפּער ווערט רואינירט דורך זעלבסט־בעפּריעדיגונג.

אין מיין בוך „דער מעננער פריינד" זיינען דאָ העכסט אינטערעסאַנטע און וויכטיגע אַרטיקלען, וואו עס איז בעשריעבען וויא אַזוי דיעזע שוידערליכע געוואָהנהייט האָט געבראַכט מענשען צו א צושטאַנד פון מעלאַנכאָלי און אַנדערע משוגעת'ן.

אין דיזען בוך וועל איך בעהאַנדלען וועגען דיעזען געגענשטאַנד אויף א וויסענשאַפטליכען אַרט און וועל ברענגען פאַקטען פון דיא פּראַקטיק פון דיא גרעסטע פּראָפעסאָרען אין דער וועלט, און אויך מיין אייגענע פּראַקטיק.

דיעזע זינד איז געגען מאָראַל און געגען זיך אַליין,
דר. לאַנדעס „מענער פריינד" גיט עס צו פערשטעהן.

4טער קאַפּיטעל.

וואס עס פעראורזאכט זעלבסט-בעפרידיגונג

אָנאַניזם ביי טהיערע.

אָנאַניזם ווערט געברויכט איבעראַל, צווישען אַלע פעלקער, און דאָס איז דערפאר ווייל עס זיינען דאָ גרינדליכע אורזאכען און פערשיעדענע אומשטענדע וואָס פיהרען דערצו.

עס זיינען דאָ צייטען ווען דער ערוואַקסענער מענש האָט ניט קיין געלעגענהייט צופריעדענצושטעלען זיין נאַטירליכען וואונש אויף אַ נאַטירליכען ארט. איבעראַל קען מען געפינען יונגע קרעפטיגע מענער וואָס זיינען דורך זייער בעשעפטיגונג ניט אימשטאַנדע צוזאַמענצוקומען מיט פרויען, און דארום שטעלען זיי צופריעדען זייער ליידענשאפט דורך זעלבסט-בעפריעדיגונג, אויף פערשיעדענע ארטען.

מאַטראָזען וועלכע פערברייגגען אַ לאַנגע צייט אויפ'ן וואסער, סאָלדאַטען אויפ'ן שלאַכט-פעלד, אָדער אין דיא לאַגערן, ארעסטאַנטען אין דיא געפענגניסע. דאָס זיינען אַלע וואָס זיינען אונטערוואָרפען אָדער גענייגט זיך צופריעדענצושטעלען אויף אַן אוננאַטירליכען ארט.

ביי טהיערע עקסיסטירט אויך אָנאַניזם, און אויך צוליעב דיא זעלבע אורזאכען. באָרדעל בעשרייבט וויא אַזוי הירשען רייבען זייער קערפער אַן בוימער אום ארויסצוקריגען דעם אויספלוס. עזלען קלאַפּען

דער „מענער פריינד" איז אַ פריינד אַ טרייער,
איהר דארפט איהם קויפען און האַלטען טהייער.

זייער געשלעכטליכע טהייל אָן בויך אַזוי לאַנג ביז זיי ערדרייכען זייער צופריעדענהייט. קליאַטשעס רייבען זייער קערפּער ביז זיי לאָזען ארויס אַ ווייסע פליסיגקייט. מיַן האָט אויך געמאַכט בעאָבאַכטונגען וויא פערד און עלעפאַנטען געברויכען אָנאַניזם. בלומענבאַך בעשרייבט אָנאַניזם ביי הינט. נור מעהר וויא צווישען אַלע טהיערע עקסיסטירט עס ביי אַפּפען (מאַנקים).

דיא גרינדליכע אורזאַכע פון אָנאַניזם איז דיא אונמעגליכקייט צו בעקומען דיא צופריעדענהייט אויף אַ נאַטירליכען אַרט. דורך דיא צוזאַמענקונפט מיט אַ פרוי, אָבער אויב דאָס וואָלט נאָר געווען דיא איינציגע אורזאַכע, וואָלט אָנאַניזם צווישען ערוואַקסענע ניט געווען אַזוי פיעל פערשפּרייט, און עס וואָלט ניט געוואָרען אַ געוואָהנהייט; אויסער דעם איז עס אויך פערשפּרייט צווישען אַזעלכע קינדער וועלכע קענען נאָך ניט פיהלען דעם וואונש צום געשלעכטליכען פערקעהר.

דיעזע געפעהרליכע געוואָהנהייט ענטוויקעלט זיך ביי קינדער אין דיא יאָהרען צווישען 10 ביז 15. דאַן פאַנגט אָן דאָס קינד צו בע־מערקען דעם אונטערשיעד צווישען דיא געשלעכטער און פאַנגט אָן צו שפּירען אַזאַ געפיהל וועלכען ער האָט קיין מאָל ניט געפיהלט, און דורך זיינע עלטערע חברים לערענט ער זיך וויא צו טהאָן אַזעלכע זאַכען וועלכע ער האָט ביז דאַן ניט געוואוסט. און אויף אַזאַ אַרט ענטוויקעלט זיך דער אָנאַניזם ביז עס ווערט אַ געוואָהנהייט, און ווען דער יונגע ווערט שוין אַן ערוואַקסענער מאַן, בלייבט ער נאָך אימער ביי דיא געוואָהנהייט.

אין לאַלעמאַנדס בעשרייבונג געפינען מיר אַזעלכע אינטערע־סאַנטע ערצעהלונגען, וואָס זיינען ווערטה דאָ צו בעמערקען, ווייל זייא גיבען אַ גענויען בעגריף וויא אַזוי אַזעלכע זאַכען ווערען ענטוויקעלט ביי קינדער:

„עס איז קלאָהר אַז דיא געגען כאַראַקטעריסטיקס פון דעם מאַן

עס ליידען פון אָנאַניזם טהירע סיי גרוים סיי קליין,
מענשען וועלכע ליידען דאַרפען צו דר. לאַנדעס געהן.

דאס צייגט וויא
ביי אַ מאן האט
אבגעפוילט זיין
נאָז פון סיפילים,
אונד וויא מען
האט איהם צוגע־



טאַכט אקינסט־
ליכען נאז פון
פלייש, אונד עס
איז אזוי צוגע־
וואַקסען דאס
עס איז שווער
צו דערקענען.



סיפיליטישע וואונדען אויף דיא הענד.
דאס פערשאַפט שמערצען אונד אוּנ־
אנגענעהמליכקייט, מען ווייכט צו שוי־
קען הענדס מיט אזא פערזאָן, ווייל
מען פירכטעט פיר אנשטעקונג.



אַ זאָנדערבאַרע ערשיינונג. דיעזער
קינד האט ניט קיין נאָרמאַלע פאָר־
מען פון אַ מענשען. עס איז העכסט
וואהרשיינליך דאס זיינע עלטערן
אדער אורעלטערן האבען געליטען
פון סיפילים.

פערלארען דעם נאז דורך סיפוליס.



סיפיליטישע גרוזען.

און דיא פרוי זיינען דיא אורזאַכען וואָס ערוועקט אין זיי דעם וואונש צו בעגרייפען דעם אונטערשיעד פון זייער געשלעכט, וועגען וועלכען זיי האָבען נאָך ניט קיין קלאָרען בעגריף. דאָס איז א געהיימניס וואָס אינטערעסירט זיי, און זיי זוכען וויא דאָס צו דערגעהן. אַלעס וואָס געהט אין א קליידעל אינטערעסירט זיי. קוקענדיג אויבערפלעכליך אויף דעם וויא יונגע קינדער אינטערעסירען זיך מיט זייערע חבר׳טעס איז עס אַמוזירענד און אויך צייטענווייז צום לאַכען; אָבער ווען מען בעטראַכט עס ערנסט און מען שטודירט עס גענוי, קען מען אין דעם מערקען דיא נאַטירליכע ענטוויקלונג פון געשלעכטליכען אינסטינקט.

מיר קענען בעמערקען וויא א יונגע העלפט זיין שוועסטערל זיך אָנטהאָן, אָדער וויא ער בעטראַכט איהר שלאָף. דאָס קינד ווייס אַליין ניט ווארום ער טהוט עס, נור א געהיימע קראַפט טרייבט איהם דערצו, און ענדליך דערגעהט עס עפעס אַזוינס וואָס עס איז איהם ביז אַהער ניט געוועזן בעקאַנט, און דערפון ווערט איהם ערקלערט אַזעלכע זאַכען וועלכע ער האָט ביז יעצט ניט געוואוסט.

דער ערשטער איינדרוק, אָדער דיא ערשטע ערפאַהרונגען וואָס א קינד האָט, מעג עס זיין וויא אונוויכטיג, בלייבט עס אין גדאַנקען אויף א לאַנגע צייט, און מאַנכעס מאָל אויף דעם גאַנצען לעבען, און ווען דיעזע געדאַנקען פערבלייבען זיינען זיי קלאָהר, מיט אַלע איינצעלהייטען. פאַסירונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט דרייסיג אָדער פערציג יאָהר צוריק, זיינען אַזוי קלאָר וויא דאָס וואָלט נעכטען פאָרגעקומען.

מיינער א פאַציענט האָט מיר דערצעהלט וואָס מיט איהם האָט פאַסירט מיט פערציג יאָהר צוריק, ווען ער איז געוועזן א קליינער אינגעל האָט ער געהאַט פערגניגען צו קוקען אויף דיא נאַקעטע פיס פון דיא וועשערינס,ביין טייך. ער פלעגט זיך אונטער׳גנב׳ענען אַזוי אַז קיינער זאָל איהם ניט בעמערקען. ער גדיינקט וויא ער איז איין

אויף קראַנק ווערען זיינען דאָ פערשיעדענע וועגען,
איין וועג צו רעטען זיך: ביי דר. לאַנדעס פרעגען

מאָהל שירה ניט אריינגעפאלען אין טייך, און אז א וועשערין האָט איהם קוים געראטעוועט.

דער פאציענט איז יעצט אלט איינינע און פיערציג יאָהר. ער איז איין אויסגעמאטערטער און איין אויסגעמאָגערטער מענש, דער שטענדיגער פערלוסט פון דיא זאממען, וואָס איז איהם געקומען פון דעם וואָס ער האָט פיעל יאָהרען געברויכט זעלבסט־בעפריעדיגונג, האָט רואינירט זיין קערפער. דיא נאַקעטע פיס פון יענע וועשערין, וואָס האָט איהם דאמאָלס געראטעוועט, פלעגט איהם אָפט ארויפ־קומען אויף'ן געדאנקען און ער פלעגט באלד צופריעדענשטעלען זיין וואונש.

עס איז אזוי איינגעפיהרט אז ערוואקסענע מענשען שעהמען זיך ניט פיר קינדער. אממען אָדער דיענסטען און זאָגאר מוטערס טהוען זיך אויס אין דיא געגענוואַרט פון קינדער, און דאָס ברייגגט דערצו אז דאָס קינד פאנגט אָן זיך צו וואונדערן וואָס ביי דיא ער־וואקסענע פרוי איז דער קערפער אנדערש. יונגע באָיעס פאנגען אָן וועגען דעם צו דיינקען, ווייל דאָס קומט זיי אָפט ארויף אויף'ן גע־דאנקען, און דאָס ברייגגט אויך צו א פריהצייטיגען בעגריף וועגען דיא פערשיעדענהייט פון געשלעכטער.

יעדער פערנינפטיגער מענש וועט צוגעבען אז דאָס איז א ריכ־טיגע בעהויפטונג, און עס איז רעכט אז יעדער ערוואקסענע פערזאָן זאָל דאָס אין אכט נעהמען.

עס זיינען אויך דאָ בעשעפטיגונגען וואָס רעגען אויף דעם גע־דאנקען און פעראורזאכען דעם מענשען צו בענוטצען זעלבסט־בע־פריעדיגונג. אויך פערשיעדענע בעוועגונגען פון קערפער ברייגגען דערצו.

אין דיא באדע פלעטצער, וואו דיא מענער בעשעפטיגען זיך מיט דעם אריינטראָגען יונגע פרויען אין וואסער, קענען זיי ניט זיין

אום שלעכטע געדאנקען פערטרייבען?
דארף דר. לאנדעס איין רעצעפט פערשרייבען.

גלייכגילטיג, און דורך דעם וואס זיי זעהען דיא פרויען דעקאלטירט, אין באדע קאסטיומען ווערען זיי אויפגערעגט און זוכען צופריעדענ־צושטעלען זייער וואונש אויף אירגענד וועלכען ארט.

און וואס איז מיט שוסטער, קארסעט מאכער און העיר דרעס־סער? זיינען זיי ניט אונטערוואָרפען אונטער די זעלבע קאנדיציאנען?

דיא וואס זיינען בעשעפטיגט אין דיא טהעאטערע אלס פאזערס מאשיניסטען און סופלערע ווערען אויך אויפגערעגט דורך דיא אומ־געבונגען צווישען וועלכע זיי געפינען זיך.

איך וויים פון א סופלער, וועלכער פלעגט אפט פערגעכען אונ־טערצוזאגען ווען אויף דער ביהנע פלעגט זיין א פרוי. דער מענע־דזשער האט איהם אנגעפאנגען נאכצושפיאנירען אום אויסצוגעפינען דיא אורזאכע דערפון. איין מאל, ווען דער מענעדזשער האט אויפגע־פאסט, האט ער בעמערקט אז ווען אויף דער ביהנע זיינען געווען מענער, האט דער סופלער פארגעלעזען מיט דיא גרעסטע אויפמערק־זאמקייט, און אזוי שנעל וויא דיא מענער האבען דיא ביהנע פערלאזען און א פרוי איז אויפגעטרעטען איז דער סופלער געווארען אזוי צור־טומעלט און האט אנגעפאנגען צו געברויכען זעלבסט־בעפריעדיגונג. דיא אקטריסע האט ניט געוואוסט וויא פארטצוזעטצען איהר ראלע, אין טהעאטער איז געווארען א געלעכטער און ווען דער סופלער האט בעמערקט אז לעבען איהם שטעהט דער מענעדזשער, וועלכער האט געזעהען וואס דא איז פארגעקומען איז ער געבליבען תם'עוואטע און האט ניט געוואוסט וואו זיך אהינצוטהאן פאר בזיונות.

אנזיכטען פון סטאטועז, גיפסענע פיגורען וואס צייגען ארויס דעם גאנצען קערפער אונבעדעקט, אויפרעגענדע געשפרעכען, אדער לעזען ראמאנען וואו עס זיינען בעשריבען אונפאסענדע סצענען, מאנ־כע טהעאטראלע פארשטעלונגען, און ז. וו. דיא אלע זאכען נייגען דעם מענשען צו בענוטצען דיא זעלבסט־בעפריעדיגונג.

זאלען דיא עלטערן שטודירען דר. לאנדעס' ביכער,
וועלען זיי פערהיטען זייערע קינדער פון אנאניזם זיכער.

5טער קאַפּיטעל.

דער ווידוי פון א ישיבה בחור.

אונגעפעהר מיט אכטצעהן אָדער ניינצעהן מאָנאַטען צוריק איז צו מיר געקומען מיינער א געוועזענער פּאַציענט און האָט מיר דער־צעהלט אז ער האָט דאָ א קרוב וועלכער ווערט מעלאַנכאָליש.

„נאָך אַלס קינד האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע פעהיגקייטען צום לערנען; און מיט זיין שאַרפען שכל, און דורך דעם איז ער ביי אונז בעליעבט געוואָרען. צו זיעבען יאָהר האָט ער שוין אָנגעפאַנגען צו לערנען גמרא, און ווען ער איז אַלט געווען 11—12 יאָהר האָבען מיר געהאַפּט צו האָבען פיעל נחת פון איהם. אין דעם גאַנצען געגענד האָט מען איהם געהאַלטען פיר דעם עלוי, און יעדע־רער האָט זיך געבענשט צו האָבען אזא געראָטענעם זוהן.

„ווען ער איז געוואָרען עלטער האָט ער אָנגעפאַנגען צו ווערען בלייכער און שוואַכער. מיר האָבען גערעכענט אז דאָס איז פון צו־פיעל לערנען און מיר האָבען געוויר͏קט אויף זיינע עלטערן אז מען זאָל איהם אָפּנעהמען פון דער ישיבה. דאָך האָט זיך זיין געזונד ניט פער־בעסערט, ער איז אימער געוואָרען בלייכער און שוואַכער, דיא אויגען מאַטער און דער גראַנקען טעמפּער.

„פון וואַנען קומט דאָס? — פלעג איך אימער ביי זיך קלערען. נור צייט איך האָב געלעזען אייער „מענכער פריינד", וועלכער האָט מיר געעפענט דיא אויגען, האָב איך אָנגעפאַנגען צו פערשטעהן וואָס מיט איהם איז."

„דאָקטאָר" האָט ער צו מיר געזאָגט, — „איהר געדיינקט א מאָל,

מיט דר. לאַנדעס' נייעסטע עלעקטרישע מאַשינען,
קען יעדער איינער וואָס ליידעט אַ רפואה געפינען.

ווען איך האָב אייך פערטרויט דיא געהיימניסע פון מיין פערגאַנגענ־הייט? — דאָס וואָלט איך קיין אַנדערן ניט אַרויסגעגעבען, נור איהר האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ איינדרוק אַז איך האָב זיך פאַר אייך פערטרויט, און דאָס איז געווען מיין רעטונג. יעצט וויל איך איהר זאָלט רעטען מיין פריינד. מיר קענען פון איהם גאָר נישט דערגעהן, נעהמט איהם אַריין אין אייערע הענד".

מיט אַ פּאָאַר טעג שפּעטער איז מיין געוועזענער פּאַציענט גע־קומען צו מיר מיט זיין פריינד.

„אָט דאָס איז ער" האָט מיר מיין געוועזענער פּאַציענט גע־זאָגט, אָנווייזענדיג אויף אַ בלייכען, שוואַכען יונגען מאַן מיט אַ פער־פינסטערטען פנים.

מיט דעם ערשטען בליק אויף דעם מאַן האָב איך באַלד דערקענט אַז ער איז אויך אַן אָפּפער פון דיא זינד וואָס טויזענדע מענער בע־געהען דורך דעם וואָס זיי געוועהנען זיך אין דער יוגענד צו אָנאַניזם.

„אויב איהר ווילט געהאָלפען ווערען — האָב איך צו איהם גע־זאָגט — מוזט איהר פיר מיר פערטרויען אייער פערגאַנגענהייט און דערצעהלען וויא אַזוי איהר זייט געקומען צו אַזאַ צושטאַנד, — דאַן וועל איך זיין אימשטאַנדע אייך צו מאַכען פיר אַ געזונדען מענשען און איהר וועט פערגעסען אַן אייערע ליידען."

דער מאַן האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט אַ גלעט געטהאָן דעם שטערן, וואָס איז געווען בעדעקט מיט אַ שוויים, און האָט אַ זיפץ געטהאָן.

זיין פריינד האָט פערשטאַנען אַז ער איז ניט אַם פּלאַץ און איז אַרויסגעגאַנגען.

ווען מיר זיינען פערבליעבען אונטער פיער אויגען האָט ער מיר געזאָגט פאָלגענדעס:

ווער עס וויל זיך רעטען דאַרף קיין זאַך פערבאָרגען,
און דר. לאַנדעס וועט דאָס נויטיגסטע בעזאָרגען.





דיעזע מאשינע איז ערפונדען געווארען פון דעם בעריהמטינן האנאפעלד און
עס רופט זיך דיא עלעקטרישע וויבראטינג מאשין.



לופט איינאטהמונג מאשינע.

דורך צוריכטונגען פון כעמישע שטאפען פראדוצירט דיעזע מאשינע לופט, אונד ווען דער קראנקער אטהעמט אריין דיעזע לופט, פערניכטעט עס אין איהם דיא קראנקע מיקראבען.

איך בעזיטץ אללע בעסטע, נייעסטע אונד קאסטבארסטע עלעקטרישע אפאראטען, וועלכע זיינען ערפונדען געווארען ספעציעל צו קורירען קראנקע.

„יא, איך בין בערייט פיר אייך זיך מתודה צו זיין, און דאָס וואָס איך וועל אייך יעצט דערצייילען וועט זיין מיין וידוי.

„אין מסכת אבות איז געשריבען אז עס איז גוט פיר דעם מענשען אז ער זאָל האָבען א ווייב אין דער יוגענד, אום ער זאָל ניצל ווערען דורך דעם פון זינד, איידער ער פאַלט אריין אין דיא הענד פון זיין שונא, דעם יצר הרע.

„ווען איך האָב וועגען דעם געלערנט אין דער ישיבה בין איך געוועזען גאַנץ יונג.

„גראַדע צו יענער צייט האָב איך אין דער ישיבה געלערנט נאָך עפּעס. יא, הערר דאָקטאָר, וויא שרעקליך עס איז דיא איראָני פון שיקזאַל. צו דער זעלבער צייט ווען איך האָב געלערנט אז עס איז נייטיג ניצל צו ווערען פון זינד האָבען מיינע חברים מיר געלערנט צו בעגעהן דיא גרעסטע זינד געגען דיא נאַטור.

„אין אָנפאַנג איז עס געוועזען פיר מיר א שפּילכעל, איך האָב זאָגאר ניט גוט פערשטאַנען וואָס דאָס איז. איך האָב געזעהן וויא דיא עלטערע ישיבה בחורים טהוען עס איינע מיט דיא אַנדערע, עס האָט ניט פיעל געדויערט און איך האָב זיי נאָכגעטהאָן.

„אין אונזער ישיבה זיינען געוועזען בחורים, איינגערע און עלטערע. דיא עלטערע האָבען געלערנט דיא איינגערע פערשיעדענע אַרטען וויא צופריעדענצושטעלען דיא לוסט פון ליידענשאַפט, און עס איז געוועזען אזוי אָפען, ניט פערשטעלטערהייד, אז עס איז אויסגעקומען ביי אונז גאָר קיין שאַנדע, מען האָט זיך ניט געשעמט איינע פיר דיא אַנדערע.

„מיט מיין יונגען שכל האָב איך ניט בעגריפען וואָס פיר א געפעהרליכען שריט איך בין בעגאַנגען. צייטענווייז פלעג איך טראַכטען פאַר וואָס זיינען דיא אַלע ישיבה בחורים אזוי בלייך און אויסגעדאַרט, אָבער עס איז מיר קיין מאָל ניט אַרויפגעקומען אויפ'ן גע-

וואָס דר. לאַנדעס האָט צום גליק געפיהרט
איז: וואָס ער האָט זיך אין קראַנקע אינטערעסירט.

דאַנקען דיא ריכטיגע אורזאַכע דערפון, און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אונז אויפקלערען וועגען דעם.

„ווען איך בין אַרויס פון דער ישיבה און האָב אָנגעפאַנגען צו פערקעהרען מיט מענשען, האָב איך געטראָפען אַ יונגע שעהנע מיידכען. מיין גאַנצער אידעאַל איז געווען מיט איהר צו הייראַטהען. ווען איך פלעג איהר בעגעגענען פלעג איך ווערען אויפגערעגט און דערביי פערליערען זאַממען, גאָר אָהן אירגענד וועלכע בעמיהונג. מיר פלעגט זיך דוכטען אַז דיא אַרומיגע מענשען בעמערקען דאָס, און איך האָב זיך שטאַרק געשעמט, און ענדליך האָב איך אָנגעפאַנגען צו ווייכען פון איהר און אויסצומיידען איהר צו בעגעגענען. דאָך, יעדעס מאָל ווען איך פלעג וועגען איהר דיינקען פלעג איך פערליערען זאַממען, און דאָס פלעגט פּאַסירען גאַנץ אָפט.

„ביסלעכווייז האָב איך אָנגעפאַנגען צו ווייכען פון געזעלשאַפט, ווייל מיר האָט זיך געדוכט אַז יעדער קען אויף מיר בעמערקען דיא פאָלגען פון מיינע טהאַטען, און דיא איינזאַמקייט איז פיר מיר געווען אַן ערלייזונג.

„יעצט פיהל איך אַז איך ווער פון טאָג צו טאָג שוואַכער. מיינע פריינד שטעהען צו מיר צו אַז איך זאָל זיי זאָגען די אורזאַכע דערפון, נור איהר פערשטעהט דאָך אַליין אַז איך קען זיי דאָס ניט אַרויסגעבען, און אַזוי וויא איך האָב זעהר פיעל געהערט וועגען אייך, פון דיא וואָס איהר האָט געהאָלפען, האָב איך איינגעוויליגט צו געהן צו אייך.

„יעצט אויב איהר האָט אַ מיטעל מיר צו קרעפטיגען אין קערפער און גייסט, גיעב איך זיך איבער צו אייער בעהאַנדלונג. איך געדיינק אַז מיין פריינד וואָס האָט מיר אַהער געבראַכט איז אַמאָל געווען אַזאַ שאַרבען וויא איך בין היינט, און ווען איך גיעב אויף איהם יעצט אַ קוק האָב איך אַ האָפנונג אַז איך קען נאָך אויך געהאָלפען ווערען.“

דר. לאַנדעס נעהמט זיך צייט אַלעס אויסצוהערען און לינדערט יעדען ליידענדען זיין שמערץ גערען.

זיין געשפּרעך האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. איך האָב אויף איהם רחמנות געהאַט, איך האָב בעדויערט דעם שיק־זאַל פון דיא ישיבה בחורים און דאָס האָט אין מיר ערוועקט אַ גאַנצע רייהע געדאַנקען וועגען דיא סיסטעמע פון לערנען אין דיא ישיבות, וואו מען ענטוויקעלט דעם גייסט און מען פערניכטעט דעם קערפּער.

איך האָב זיך געגעבען דיא מיהע דיעזען יונגען מאַן צו ,,'עטען. אַלעס וואָס דיא וויסענשאַפט האָט ענטדעקט אין דיא בעהאַנדלונג פון אַזעלכע פּאַציענטען, האָב איך אויף איהם אַנגעווענדעט. אויסער מעדיצין און עלעקטרישע בעהאַנדלונג, האָב איך איהם אויך אונטער־ריכטעט אין פערשיעדענע גימנאַסטישע איבונגען, אום צו ענטוויקלען דיא מוסקלען און צו קרעפטיגען זיין קערפּער.

ווען מען זאָל יעצט בעאָבאַכטען וויא דער יונגער מאַן שפּיעלט באָל, און מיט וואָס פיר אַ קראַפט ער וואַרפט דעם באָל, און מיט וואָס פיר אַ שווינדקייט דער באָל פליהט, קען מען זיך גאָר ניט פאָר־שטעלען אַז דער בחור איז אויפגעוואַקסען אין אַ ישיבה.

יעצט איז ער פאָלשטענדיג געזונד. ער בעזוכט מיר צייטענווייז, אָבער ניט אַלס פּאַציענט, זאָנדערן אַלס פריינד, ווייל איך האָב ליעב מיט איהם צו פערברייגגען צוליעב זיין חכמה און לומדות.

האָט איהר געלעזען דיא „הייראַטה?"
יעדער יונגער מאַן דאַרף עס לעזען, עס איז זעהר וויכטיג, אינטערעסאַנט און בעלעהרענד.

איינזאַמקייט פיהרט געוועהנליך צו מעלאַנכאָליע, דיעזעס צו היילען איז דר. לאַנדעס איין זשעניע.

6טער קאפיטעל.

גייסטיגע אנאניזם.

עס איז אויך דא א זארט זעלבסט־בעפריעדיגונג וועלכע מען רופט „גייסטיגע אנאניזם", ווייל דאס בעשטעהט אין דעם וואס דער געדאנקען שטעלט פאר פערשיעדענע פאנטאזיען וועלכע רעגען אויף דעם מענשען און ער שטעלט צופריעדען זיין וואונש אויף א אונגא־טירליכען ארט.

אין אזא פאלל ארבייט דיא פאנטאזי זעהר שטארק. דיא פאר־שטעלונגס קראפט ווערט אנגעשטריינגט אויף דעם העכסטען ארט, ווייל דער מענש שטעלט זיך פאר אין זיינע געדאנקען אז די געווינשטע פערזאן איז לעבען איהם, ער שטעלט זיך פאר אין זיינע געדאנקען א גע־שפרעך און א געפיהל פון ליעבע און דאס רעגט איהם אויף ביז ער ווערט צופריעדענגעשטעלט.

דערפון ווערט דער גייסט בעאונרוהיגט, דיא פאנטאזי צורייצט און דיא רעגעלמעססיגקייט פון דיא בלוטען צערשטערט. דאס שוואכט אפ דיא פערדייאונגסקראפט פון מאגען און פעראורזאכען א גאנצע רייהע קראנקהייטען, ניט נור אויף'ן גייסטיגען צושטאנד פון דעם מענשען, נור אויך דער קערפערליכער צושטאנד ווערט צושטערט.

דיעזער קראנקער צושטאנד פון גייסט ערהייבט דיא רייצבאר־קייט פון דיא געשלעכטס־ארגאנען און בריינגט דעם מענשען צו פער־שיעדענע אונזיטליכע טהאטען.

דיא סימפטאמען פון דיעזער ארט זעלבסטבעפריעדיגונג בע־

דר. לאנדעס' אויפגאבע איז ערהאבען און גרויס;
פאר דיא וויסענשאפטליכע ביכער וואס ער גיט ארויס.

שטעהט אין דעם וואָס דאָס געזיכט ווערט אימער בלאַסער, אַרום דיא אויגען ווערען בלויע רינגען. מען פיהלט זיך ערמיעדעט, אָבגעשוואַכט, דיא פיס חלש'ן. אין דיא שפּעטערע יאָהרען ווערען מאנכע טהייר לען געלעהמט אָדער מען בעקומט דיא אויסצעהרונג.

עס איז צו בעוואונדערן וויא מאנכע מענשען ווייסען ניט וואס מיט זיי אַליין טהוט זיך און בלאָנדזען אַ לאַנגע צייט ביז מען מאַכט זיי אויפמערקזאַם און מען צייגט זיי אָן דיא ריכטיגע וועג. מיינער אַ פּאַציענט פון באַלטימאָר האָט זיך אַ צייט יאָהרען געקורירט אויף'ן מאָגען. ער האָט געזאָגט אַז ער ליידעט פון אַ מאגען קאַטאַר, און איז אומגעגאַנגען פון איין אַרצט צום צווייטען. ער האָט זיך בעקלאַגט אַז דיא דאָקטוירים פערשטעהען ניט זיין פעהלער און זיי טרעפען איהם ניט צו. ווען ער איז צו מיר געקומען האָט ער מיר געזאָגט אַז ער ליידעט פון מאָגען, ער פערדייעט ניט דאָס עסען און עס דריקט איהם אונטערן האַרצען.

איך האָב איהם אונטערזוכט און האָב באַלד דערקענט אַז ער ליידעט פון גייסטיגען אָנאַניזם. איך האָב איהם פּאַנאַנדער גע־פרעגט און ער האָט מיר אַלץ מודה געווען, נור ער האָט געזאָגט: „איך בין צו אייך געקומען ניט וועגען דעם. דאָס וועלען מיר לאָזען אויף איין אַנדערס מאָל, יעצט וויל איך איהר זאָלט מיר אויסהיילען מיין מאגען פעהלער“.

„פערנאַרטער מענש!“ האָב איך צו איהם געזאָגט „וויא אַזוי קענט איהר בעשולדיגען אייער מאָגען, און זאָגען אַז איהר ליידעט פון איהם, וועהרענד אין דער ווירקליכקייט ליידעט דער מאגען פון אייך. איהר אַליין האָט אָבגעשוואַכט אייער קערפּער און האָט גע־בראַכט דעם מאָגען צו אַזאַ צושטאַנד אַז ער האָט ניט קיין קרעפטען צו אַרבייטען, און יעצט זאָגט איהר אַז איהר ליידעט פון איהם“.

מיין בעהאַנדלונג איז בעשטאַנען אין דעם וואס איך האָב באַלד

פון אַ קראַנקהייט צו טרעפען באַלד דיא סימפּטאָמען, האָט געמאַכט דר. לאַנדעס אַ גרויסען נאָמען.



דיא מוסקולען.

דאָס צייגט וויא דער מענש זעהט אויס ווען דיא הויט איז אַראָפּגיצויגען. דיא מוסקולען גיעבען דעם מענשען דיא מעגליכקייט צו בעוועגען דעם קערפּער.



דער סקעלעט.

דאָס זיינען דיא ביינער פון וועלכע דער מענש איז צוזאממענגעשטעלט, גראדע אזוי וויא דיא שטיינער פון אַ הויז וואס האלטען אויף דיא געביידע.

אַנגעפאַנגען איהם צו קרעפטיגען דורך דיא בעסטע מעדיצין און איינרעגולירען דיא נערוועז מיט פערשיעדענע עלעקטרישע אפּאַראַטען, און דורך דעם איז זיין גאַנצער קערפּער געוואָרען קרעפטיגער און זיין מאַגען האָט אָנגעפאַנגען צו קאָכען. אין פערלויף פון זעקס וואָכען איז דעם מאַן צוגעקומען 17 פונט.

בעפאָר ער האָט אָבגערייזט צוריק נאָך באַלטימאָר האָט ער מיר געבראַכט אַ שעהנעם פּרעזענט און האָט געזאָגט:

„הערר דאָקטאָר! יעצט זעה איך אין וואס עס בעשטעהט אייער גרויסקייט. איך האָב נעקורירט מיין מאָגען פיעלע יאָהרען און עס האָט מיר ניט געהאָלפען, און קיינעם איז ניט איינגעפאַלען דער געדאַנקען אז דער מאָגען ליידעט פון מיר, איהר זייט געוועזן דער ערשטער וואס האָט געמאַכט דיעזע ענטדעקונג. יעצט, ווען איך בין אַליין אַ געזונדער, קרעפטיגער מענש, איז מיין מאָגען אויך קרעפטיג און איז אימשטאַנדע צו פערדויען דיא שפּייז וואס איך עס.

אייער פּרייז איז געוועזן אַ גאַנץ קליינער פיר אַזאַ וויכטיגע בעהאַנדלונג, און דאָרום האָב איך בעשלאָסען אייך צו געבען אַ אָנדענקונג דיעזען שרייב געצייג. דאָס איז פיעל צו ווייניג פיר אייער פערדיענסט, אָבער עס איז גענוג נאָך מיין פערמעגען.

דיעזע שעהנע שרייב געצייג שטעהט ביי מיר אויף'ן טיש און יעדער פּאַציענט וואס קומט צו מיר אין אָפיס קען עס זעהן. עס בעטרעפט ניט קיין הונדערטע דאָלאַרס, דאָך איז עס ביי מיר פיעל טהייערער פון געלד, ווייל אין דעם זעה איך דיא בעלאָהנונג פיר מיין ערנסטע ארבייט.

נאָך זייענדיג אַלס סטודענט האָב איך בעטראַכט דיא געשלעכטליכע פערבינדונגען און דיא אונגאַטירליכע וועגען וויא אַזוי מאַנכע פּערזאָנען בעגעהען זיך, אַלס אַ וויכטיגע פראַגע פיר דיא געזעלשאַפט, און האָב שוין דאַן אָנגעפאַנגען צו פאָרשען און צו בעטראַכטען וויא

דר. לאַנדעס עלעקטרישע אַפּאַראַטען,
צייגען וואונדערליכע גוטע טהאַטען.

אזוי מענשען געהען אוועק אין אזעלכע וועגען מיט זייער אייגענעם ווילען, צוערשט איז דאס ביי זיי א צייט פערטרייב, שפּעטער ווערט עס ביי זיי א געוואָהנהייט און זיי קענען זיך ניט בעגעהן אָהן דעם.

עס וועט זיין אינטערעסאַנט פיר דיא לעזער, מיינע בעאָבאַכטונגען, וועלכע איך מאַך פון צייט צו צייט אין דיא גאַסען פון ניו־יאָרק, איבערהויפּט אויף בראָדוויי, אין דיא געגענדען פון דיא טהעאַטערע ארום 12 אוהר ביינאַכט.

דאָרט זעהט מען מענער, יונגע און אַלטע, וועלכע געהען נאָך פרויען א לאַנגע צייט ביז זיי עטוואַזשען זיך מיט זיי צו ריידען. ווען דיא פרוי שטעלט זיי אָפּ אָדער ווען זיי אַליין בעשליעסען זיך, ענדליך צו ריידען צו דיא פרוי, פערליערען זיי אין גאַנצען דעם געדולד און ווילען באַלד אוועק געהן, מיט דעם אויסרייד אַז זיי האָבען יעצט קיין צייט און מאַכען אַפּוינטמענטס זיך צו טרעפען אין א געוויסע צייט. דיעזע אַפּוינטמענטס האַלטען זיי קיין מאָל ניט. אזוי שנעל וויא זיי דערזעהען איין אַנדער פרוי געהען זיי באַלד צו יענע און ריידען צו איהר אויף דעם זעלבען אָרט. וויא זיי דערזעהען א פרוי אויף דעם אַנדער סיידוואָק, גיבען זיי זיך באַלד א לאָז צו אַהין, אויף אַזא אָרט זעהט מען זיי אַרומלויפען פון איין אָרט צום צווייטען.

מאַנכע מענער לאַדען איין גאַסען פרויען אין רעסטאָראַנטס און טראַקטירען זיי מיט טהייערע געטרענקע און קאָסטבאַרע סאַפּערס, דאַן זאָגען זיי אַז יעצט האָבען זיי קיין צייט ניט, און מאַכען אַפּוינטמענטס מיט דיא פרויען, אָבער זעהר זעלטען טרעפט עס אַז זיי זאָלען קומען צו דיא ריכטיגע צייט פון דיא אַפּוינטמענט, און אויב דאס טרעפט שוין יא, דאַן ווידערהאָלט זיך ווידער דיא זעלבע זאַך.

דיעזע מענער האָבען ניט קיין מוטה זיך צו ענטשליסען אויסצונוטצען דיעזע פרויען פיר זייער בעפריעדיגונג.

אָט אזעלכע מענער, ווען זיי זיינען אַליין, שטעלען זיי זיך פאַר

דר. לאַנדעס שטענדיגעס זוכען און שטודירען;
האָט איהם געמאַכט איבער מענער קראַנקהייט רעגירען.

אין געדאַנקען אַז זיי האָבען זיך געטראָפען מיט דיא פרוי וואס זיי האָבען אָבגערעדט, און פאַנטאַזירען וויא שטאַרק דיא ליעבע צווישען זיי איז, און וויא ערנסט זיי גיעבען זיך איבער איינע דיא אַנדערע. דערביי שטעלען זיי צופריעדען זייער וואונש אויף אַן אוננאַטירליכען אַרט, און טראַכטען גאָר ניט אַז זיי בעגעהען מיט דעם אַ זינד געגען דיא נאַטור.

אין מיין פראַקטיק האָב איך שוין געהאַט איינינע פאַציענטען, וועלכע איך פלעג אַמאָל זעהען אַרומלויפענדיג פון איין סיידוואָק צום צווייטען און נאָכגעהענדיג פרויען. איך האָב זיי דערקענט, און ווען איך האָב זיי געפרעגט אויב זיי האָבען דאס געטהון פלעגען זיי זיך לייקענען, און זאָגאַר געפינען זיך בעליידיגט, אָבער מאַנכע פלעגען באַלד דערציילען די וואַהרהייט, ווייל אַזעלכע מענגער האָבען ניט קיין מוטה צו זיין אָפענהערציג, זיי פרובירען אלעס צו פערדעקען, האַל־טען אין געהיים, און אַזוי שנעל וויא זיי זעהען אַז מען פערדעכטעט זיי, ווערען זיי ביי זיך געפאַלען און דערצעהלען מיט אַ רחמנות פנים זייערע ליידען און ווילען איבערצייגען אַז דאס איז ניט זייער שולד, נור זיי האָבען אַזאַ קראַנקהייט.



איינע פון דיא פיעלע עלעקטרישע מאשינען אין דר. לאנדעס אָפפיס.

זייט איהר קראַנק איז פאר אייער אייגענע אינטערעסע; געדיינקען אַז 140 א. 22טע סט. איז דר. לאַנדעס אדרעסע.

7טער קאַפּיטעל.

אונגעזעצליכע געשלעכטליכע פערבינדונג

דיא געזעטצע פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער בעשטראַפט דיא וועלכע בעגעהען זיך געגען דיא נאַטור אין זייערע געשלעכטליכע פער־בינדונגען, ווייל דאס איז זעהר וויכטיג אום אויפצוהאַלטען דיא זיט־ליכקייט און דעם מאָראַלישען צושטאַנד פון דיא געזעלשאַפט.

דאָך איז דיא געזעץ אונמעכטיג און קען ניט אימער בעשטראַ־פען דיא שולדיגע, ווייל מען קען בלויז אַ געוויסע טהייל פון אונ־געזעצליכע פערבינדונגען פערבאָטען, וועהרענד אַ גרעסערע טהייל פון אַזעלכע אונגעזעטצליכע אָדער אוננאַטירליכע טהאַטען קענען ניט אויפגעצייגט ווערען, און דארום בלייבען דיא פערברעכער אונ־בעשטראַפט פון געזעטץ, דערפאַר אָבער רעכענט זיך מיט זיי אָפּ דיא נאַטור, וויא איך בעשרייב אין דעם ערשטען קאַפּיטעל פון דיזען בוך „פערברעכען און שטראַף“ און אויך וויא איך האָב וועגען דעם בעשריעבען אין מיין בוך „דער מעננער פריינד“.

עס איז צו בעוואונדערן, ווען מען לעזט דיא קרימינעלע סטאַ־טיסטיק פון דעם גרויסען איטאַליענישען קרימינאַלאָגיסט לאָמבראָזאָ, אויך עטטינגער׳ס מאָראַל סטאַטיסטיק, זעהט מען דיא טרויעריגע פאַקטען אז דיא צאָהל פון געשלעכטליכע פערברעכען ווערען אימער פערגרעסערט אין דיא ציוויליזירטע לענדער. איבערהויפּט פערשפּריי־טען זיך שטאַרק דיא אונמאָראַלישע טהאַטען צווישען קינדער אונטער פערצעהן יאָהר.

עס וועט אייך פיעל נוצען, איהר מעגט זיין זיכער,
ווען איהר וועט לעזען דר. לאַנדעס ביכער.

דער פערשטענדיגער מענש זעהט אין דיעזע טרויעריגע פאקטען אז דער אלגעמיינער געפיהל פון מאראל ווערט פערשוואונדען, און בעדויערט וואס דאס געזעץ איז צו שוואך צו פערהיטען אזעלכע זאכען.

בעטראכטענדיג דיעזען געגענשטאנד פון מעדיצינישען שטאנד־פונקט, מוז מען קומען צום שלוסם אז דאס איז אבהייננגיג דערפון וואס אין דיא לעצטע דורות זיינען דיא מענשען שוואכער און נערר־ווענזער, דארום זייגען זייערע קינדער נאך שוואכער און נאך מעהר נערוועז, און דאס ערוועקט אין זיי דעם אינסטינקט צו געשלעכטליכע בעפריעדיגונג, און וויל זיי קענען דאס ניט ערזייכען אזוי שנעל אויף א נאטירליכען ארט, טהוען זיי דאס אויף א אוננאטירליכען ארט.

דער איינציגער מיטעל וויא צו פערהיטען אז אזעלכע זאכען זאלען זיך ניט פערשפרייטען איז, דיא פארשטעהער פון געזעטץ זא־לען זיך פעראייניגען מיט דיא פארשטעהער פון דיא מעדיצינישע ווי־סענשאפט, און זאללען צוזאמען אויסארבייטען פלענער וויא צו האנדלען אין אזא וויכטיגע אנגעלעגענהייט.

דער ריכטער וועלכער גיט ארויס זיין אורטהייל געגען א פער־ברעכען, ניט קענענדיג גענוי דעם כאראקטער און דיא אייגענשאפטען פון דעם פערברעכער , טהוט שאדען דער געזעלשאפט. איבערהויפט אין פעללע פון אוננאטירליכע געשלעכטליכע בעפריעדיגונג ; וויל מאנכעס מאל איז דיא פערזאן מיט א צושטערטען גדאנקען און קען זיך אליין ניט קאנטראלירען, ווערהענד אין פיעלע פעללע טהוען עס מענשען וועלכע האבען זאנסט א געזונדען פערשטאנד, דארום מוז דער אורטהייל זיין לויט נאך דיא פסיכאלאגישע מאטיוועו.

מאנכע בעגעהען פערברעכען אין פערבינדונג מיט געשלעכטליכע בעפריעדיגונג גאר עפענטליך, אזוי ציניש אז זיי שעהמען זיך גאר ניט פיר קיינעם. אזעלכע פערברעכען זיינען פאלגענדע : מילדע, —

דיא שוואכע נערוועז צו שטארקען ווייס קיינער
אזוי גוט וויא דר. לאנדעס. ער איז איינער.

איוואן גראזני

וואס בעשטעהט אין דעם וואס מעננער צייגען זייערע טהיילען פון קערפער צו פרויען. גרויזאמע, — וואס בעשטעהט אין מערדעריי אדער בעשעדיגען. אונרעגעלמעסיגע, — וואס בעשטעהט אין אונ־נאטירליכע בעפריעדיגונג אויף פערשיעדענע ארטען.

אין דעם יעצטיגען צושטאנד פון ציוויליזאציאן איז דיא זיט־ליכקייט זעהר א וויכטיגע זאך. פון יאהרהונדערטע לאנג האט זיך דיא מענשהייט געבילדעט ביז מען איז געקומען צו דעם יעצטיגען צושטאנד. דאך פאסירען אזעלכע אונזיטליכע זאכען גאנץ עפטערליך. פון ערוואקסענע פערזאנען, וועלכע זיינען אנגענומענע מענשען אין דער געזעלשאפט; נור גרעסטען טהיילס פאסירט עס מיט אלקאהא־ליקער, דאס הייסט אזעלכע וועלכע האבען א לאנגע צייט גע'שיכור'ט און דער אלקאהאל האט זיך איינגעווארצעלט אין זייער קערפער.

היער וועל איך בריינגען עטליכע פאקטען וועלכע זיינען גענומען פון דיא זיכערסטע קוועלען.

א מאן פון 60 יאהר, אן אלמן, וועלכער איז געווען א הויכער בע־אמטער און א אנגעזעהענער מענש, פלעגט זיך אפט אוועק שטעלען אין פענסטער און צייגען זיינע געשלעכטליכע ארגאנען צו איין אכט יאהריגע מיידעל, וועלכע האט געוואהנט געגען איבער. דאס פלעגט פאסירען איין מאל אין עטליכע מאנאטען. און ווען מען האט איהם ארעסטירט האט ער זיך באלד מודה געווען, נור ער האט ניט געקענט ערקלעהרען ווארום ער טהוט עס.

דאקטאר האטצען בעשרייבט אין „פריעדריכס בלעטער“ פאלגענדע געשיכטע.

א מאן פון 37 יאהר איז ארעטירט געווארען דערפאר ווייל ער איז אריין אין א סקוהל, פון קליינע מיידלאך, און האט זיי געצייגט זיינע געשלעכטס ארגאנען.

עס האט זיך ארויסגעצייגט אז דער מאן פלעגט אפט צייגען זיינע

ניט פערקלאגט ווערען געריכטליך אין עפענטליכע שאנדע; פערכאפט עס בעצייטענס געהט צו דר. לאנדעס.

ארגאנען צו פרויען, אין מיטען גאס. עס האט זאגאר פאסירט אז ער האט אנגעקלאפט אין א פענסטער פון א פרעמדע הויז און האט צוגע־רופען דיא דיענסטען און דיא קליינע קינדער וואס זיינען דארט געווען און האט זיי געצייגט זיינע ארגאנען.

ווען דער מאן פלעגט זיין אין א נארמאלען צושטאנד פלעגט איהם דערעסען זיינע שענדליכע טהאטען.

ווען מען הערט וועגען אזעלכע פאסירונגען ווערט מען ערשטוינט און מען פרעגט זיך דיא קשיה: וויא אזוי קומט דאס צו מענשען אזא געפיהל וואס מאכט איהם פיר א בעסטיע? בלויז דאן ווען מען מאכט א גענויעם שטודיאום און א גרינדליכע פארשונג קען מען וויסען וויא אזוי דער מענש קומט צו אזא שטאנד.

אין דיא פראטאקאלען פון דיא געריכטס הייזער, וואו מען האט געבראכט אזעלכע פערברעכער איז פערשריעבען בלויז דער פאקט אז אזא פערזאן איז בעשטראפט געווארען פיר אזא פערברעכען.

עס פאסירט אבער אז א קלוגער ריכטער געפינט פאר נויטיג אוועקצושיקען אזא פערברעכער אין אן אנשטאלט, וואו מען זאל אויס־געפינען וואס מיט דעם פערזאן איז. אט צו דיעזע קוועלען מוזען מיר זיך ווענדען ווען מיר ווילען וויסען גענויער וואס דאס איז פיר א ער־שיינונג, און אין דיא ארכיוען פון דיא האספיטעלער געפינען מיר דיא בעשרייבונגען פון דיא פערגאנגענהייט פון דיעזע מענשען, און עס צייגט זיך ארויס אז זיי האבען פון קינדהייט אן געברויכט אנאניזם, און אזוי וויא אויף מאנכע ווירקט עס אויפ'ן קערפער, טרעפט עס אויך אז ביי אנדערע ווירקט עס אויף דיא מארך, און זיי ווערען האלב־משוגע, און זיי טהוען אזעלכע זאכען ד. ה. זיי צייגען זייערע געשלעכטס ארגאנען דאן ווען דער משוגעת קומט זיי אן, און דארום קענען זיי זיך ניט קאנטראלירען, און אכטען ניט דארויף וואס מען בעשטראפט זיי און טהוען דאס אימער ווען זיי האבען א געלעגענהייט.

דר. לאנדעס ראטה איז צו יעדען טאטען, מאמען,
אז יונגע קינדער זאלען ניט שלאפען צוזאמען.

נאָך מעהר וואונדערבאַרע געשיכטעס געפינען מיר אין מאַנגאַן. איינע פון דיעזע וואונדערבאַרע געשיכטעס האָט פּאַסירט מיט א מאַן פון 44 יאָהר, וועלכער איז געוועזן א שיכור און האָט געליטען פון בלוט־פערגיפטונג. ער האָט זיין גאַנצען לעבען געברויכט זעלבסט בעפריע־דיגונג, אפילו ווען ער איז געוועזן פערהייראַטה. אין געהיים, ווען קיי־נער פלעגט ניט זעהען, פלעגט ער זיך אָנטהאָן אין ווייבערשע קליי־דער, אין אבענד ווען ער פלעגט בעגעגענען א מענגע פרויען פלעגט ער ווערען אויפגערעגט און גאָר אונגעשטערט פלעגט ער צופריעדען שטע־לען זיך פיר אַלעמען אין דיא אויגען. מען האָט איהם איין מאָל געכאַפּט בעגעהענדיג דיעזען פערברעכען און מען האָט איהם פעראור־טהיילט אויף זעקס מאָנאַטען געפענגניס. דאָס איז נאָך ניט אַלעס, זיין פרוי האָט געהאַלטען א מילך סטאָר. ווען ער פלעגט זיין אליין אין סטאָר פלעגט ער טהאָן מיט דיא מילך אַזעלכע זאכען וואס עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען, ער פלעגט דערפון פיהלען גרויס פערגעני־גען און פלעגט דערנאָך אליין געברויכען דיא מילך, און אויך פערקויי־פען צו קאַסטימער. זייענדיג אין געפענגניס איז ער אין גאַנצען פון זינען ארונטער און איז געווארען א פאַלשטענדיגער משוגענער.

דיעזע געשיכטע אליין מאַכט מענשען שוידערען. עס געפינט זיך אַזוי פיעל בעשרייבונגען וואס זיינען עהנליך צו דיעזע, אַז מען קען וועגען דעם אליין גאַנצע ביכער מאַכען.

„דיא אבשטאַמונג פון דעם מענשען“.

א וויסנשאַפטליכע בעהאַנדלונג אין דעם נייעם בוך „דער מענש“.

דר. לאַנדעס ראַטה אום קינדער צו רעטען זאָלען דיא עלטערען נאַכזוכען זייערע בעטען.

8טעם קאפיטעל.

אָסקאר וואַילד

אין דיעזען קאפיטעל וויל איך ערקלעהרען מיינע לעזער אז דיא זינד געגען דיא נאטור איז אזוי וויט פערשפרייט אז עס האט אריינגעדרונגען צווישען אלע קלאסען מענשען, רייכע און אָרימע, פראָסטע, אונגעבילדעטע און העכסט געבילדעטע, ציוויליזירטע מענשען.

עס געהען ארום זאגען צווישען פאָלק אז גרויסע מענער אין דיא אלטע צייטען, איבערהויפט צווישען דיא גריכישע פילאָזאפען זיינען געוועזען אייניגע וואס האָבען זיך בענוצט מיט זעלבסט בעפריעדיגונג, אָדער דורך דעם אונגאטירליכען צוזאמענקונפט מיט מענער.

עס איז קיין שיער ניטאָ ווען מען זאָל זיך וועלען אריינלאזען אין דיא געשיכטעס פון דיא אלטע צייטען, און דיא בעווייזע זיינען אויך שוואך, און אזוי וויא מיין ציעל איז צו איבערצייגען דיא לעזער דיא ווירקליכקייט, ניט דערצעהלען קיין מעשיות, זאָנדערן בעשרייבען לעבעדיגע פאקטען וואס קומען פאָר פאר דיא אויגען, אין אונזערע צייטען, וועל איך דאָ בעשרייבען וואס עס האט פאסירט מיט דעם גרויסען ענגלישען דיכטער אָסקאר וואילד, און אום צו געבען א בעגריעף וועגען זיין בילדונג און אינטעליגענץ, און אום צו צייגען אז בילדונג און גייסטיגע ענטוויקלונג האלטען ניט אָפּ דעם מענשען פון פערברעכען געגען דיא נאטור, פונקט אזוי וויא עס האלט ניט אָפּ פון קרימינעלע פערברעכען געגען דיא געזעטץ פון געזעלשאפט, וועל איך אין קורצען בעשרייבען זיין ביאָגראפיע.

אָסקאר וויילד איז געוועזען אן ענגלישער דיכטער און פערפאסער פון דראמען און טראגעדיען. ער איז געבאָרען געוואָרען אין יאהר 1856

וועט איהר אייער קינד מיט דיעזע זינד דערטאפען
געהט צו דר. לאנדעס, וועט ער עס פערכאפען.

זינד געגען דיא נאַטור

זיין פאַטער איז געוועזן א בעריהמטער דאָקטאָר און אויגען ארצט ביי דיא ענגלישע קעניגין וויקטאָריא. ער האָט געגעבען דעם יונגען אָסקאַר א גוטע ערציהונג.

ווען אָסקאַר האָט פערפאָלקאָמט זיין שטודיום האָט ער בעקומען דעם פּרעמיאום־פּרייז פיר פּאָעזיע. אין א קורצע צייט שפּעטער האָט ער זיך בעזעצט אין לאָנדאָן און דאָרטען האָט זיך אָנגעפאנגען צו פערשפּרייטען זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט.

אין יאהר 1893 איז ער שוין געווען בעריהמט דורך זיינע קאָמעדיען, וועלכע האָבען געהאַט א גרויסען ערפאָלג אויף דער ענגלישער ביהנע. זיינע ביכער האָט מען געלעזען אין אלע ציוויליזירטע לענדער.

זיין טאַלאַנט איז אנערקענט געוואָרען פיר דעם שעהנעם סטיל וואָס ער האָט ארויסגעצייגט אין זיינע פּאָעזיע.

אלעס האָט געשפּיעלט און געגלאַנצט אין דיא קאַריערע פון דיעזען מענשען, אָבער וואָס איז געווען זיין סוף? זיין ענדע איז געווען א טרויעריגע.

אין מאָנאַט אַפּריל 1895 האָט זיך אָנגעפאנגען געגען איהם א פּראָצעס פיר אונמאָראַליטעט, און דאָס האָט רואינירט זיין קאַריערע און פערשמוצט זיין נאָמען אויף עוויג.

דיא בעשולדיגונג איז בעשטאַנען אין דעם דאָס ער האָט אינטימע פריינדשאַפט מיט מענער.

ביי דיעזען פּראָצעס איז פאַרגעבראַכט געוואָרען בריעף וואו ער שרייבט מיט פייערדיגע ווערטער וועגען זיין ליעבע צו א געוויסען מאַן. איבערהויפּט האָט זיך ארויסגעצייגט זיין צוגעבונדענהייט צו לאָרד אלפרעד דאָגלאַס, א שעהנער יונגער מאַן פון 25 יאָהר.

ער פלעגט מיט איהם צוזאַמען ארומפאָהרען אין פערשיעדענע געגענדען, און זיי פלעגען גרעסטענטהיילס זיין צוזאַמען.

דר. לאַנדעס זאָגט: עלטערן'ס פליכטען און ציעלען צו זעהן וויא אַזוי, און מיט וואָס קינדער זיך שפּילען.



ביי דיעזען פּראָצעס האָט זיך אויך ארויסגעוויעזען אַז ער פּרע־דיגט אונגאַטירליכע און אונמאָראַלישע זאַכען אין זיינע ביכער. — ער האָט זיך אויך מודה געווען אַז ער פּלעגט בעזוכען טהעע פּאַרטיעס, און אונטערהאַלטונגען פון מענער, וואָס דאָס איז געווען זעהר פּער־רעכטיגט.

ווען עס איז בעקאַנט געוואָרען אַז אָסקאַר ווײַלד איז געפונען געוואָרען שולדיג, האָט עס אַנגעמאַכט אַ גרויסען רושם.

אין דעם לעצטען טאָג פון זיין פּראָצעס איז ער געווען גאָר אַן אַנדער מענש. זיין עלעגאַנטע קליידונג, זיין שטאָלקאָווע האַלטונג, זיינע עדעלע מאַניערען זיינען פערשוואונדען. ער האָט פערשטאַנען ווי ווייט דיא בעשולדיגונג געגען איהם קען גרייכען, און האָט געוואוסט אַז דיא שטראָף דאַפיר קען זיין ביז צוואַנציג יאהר געפענגניס.

זיינע אַדוואָקאַטען האָבען זיך ארומגעזעהען אַז עס לוינט זיך ניט פיר זיי אַז דער פּראָצעס זאָלל אַנגעהען ווייטער, און האָבען פערלאַנגט אַז עס זאָל זיך גלייך ענדיגען ביי דעם וואו עס האָט געהאַלטען ביז דאַן. מען זאָגט אַז דיא ריכטער האָבען דאַרויף איינגעשטימט, ווייל עס וואָלט דורך דיא ווייטערע פערהאַנדלונגען אריינגעמישט געוואָרען גרויסע מעננער פון לאַנד.

דיא דזשורי האָט איהם אַנערקענט שולדיג, און דיא ריכטער האָ־בען ארויסגעגעבען דיא שטראָף פון צוויי יאהר געפענגניס.

גלייך וויא עס איז אַרויס דער אורטהייל געגען איהם, האָט דאָס פּאָלק אַנגעוואָרען צו איהם דיא סימפּאַטהיע. אין דיא טהעאַטערע האָט מען אויפגעהערט צו שפּיעלען זיינע פּיעסען און זיין נאָמען איז געוואָרען צו שאַנדע.

ער האָט צו יענער צייט געהאַט אַ פרוי מיט קינדער, אָבער עס זיינען אַוועק איניגע יאהר און ער האָט זיי ניט סופּאָרטעד. זיין פרוי

דער בוך „דער מעננער פריינד" איז אַ גליק פאַר דיא מענער; פערפאַסט פון דר. לאַנדעס דעם ליטעראַט און קענער.

איז אַליין אויך געווען א שרייבערין און האָט געהאַט איין איינקינפט פון 2500 ראָללאַר א יאהר.

ווען ער האָט געענדיגט זיין טערמין אין געפענגניס, האָט ער פיר שאַנדע ניט געקענט פערבלייבען וואָהנען אין ענגלאַנד און איז ארויסגעפאָהרען אין פאַריז.

אָסקאַר ווייַלד איז געשטאָרבען אין יאהר 1900. ער האָט איבערגעלאָזען א שמוציגען רעקאָרד. אין איין אַנשטענדיגע געזעלשאַפט, ווען מען דערמאָנט זיין נאָמען, קוקט מען זיך אָן איינע דיא אַנדערע און איינער פערשטעהט וואס דער אַנדערער דיינקט.

אויף אַזוי ווייט קען א מענש רואינירט ווערען דורך דעם וואס ער בעגעהט זינד געגען דיא נאַטור.

דאָס צייגט אַז ניט בילדונג און ניט טאַלאַנט איז אימשטאַנדע אָבצוהאַלטען דעם מענשען פון שלעכטע טהאַטען, עס איז נאָר דאָ איין מיטעל, — און דאָס איז — ד אָ ס   ג ע ו ו י ס ע ן.

עס איז זעהר וויכטיג פיר יעדען מענשען, דאָס ער זאָל ו ו י ס ע ן פון אַזעלכע געשיכטעס וויא עס ווערט בעשריעבען אין דיעזען בוך. זאָל ער זעהען צו וועלכע רואינירענדע שטופען דאָס קען ברייגנען, און דאַן וועט ער פערשטעהען וויא וויכטיג עס איז אויסצוהיטען זיך פון אַזעלכע זאַכען.

דאָס איז דער ציעל פון דיעזען בוך.

דיא פיעלע בריעף וואָס איך ערהאַלט, פון מענער וואס האָבען געלעזען מיין בוך „דיא הייראטה“, אין וועלכע זיי שרייבען וואס פאר א ווירקונג עס האָט אויף זיי געמאַכט דער קאַפּיטעל „א מוסר השכל“ און דאָס זיי זיינען געוואָרען טריי צו זייערע פרויען, ווייל זיי זעהען דיא ענדע צו וואס אונטרייהייט פיהרט, וויא עס איז בעשריעבען אין דיא העכסט אינטערעסאַנטע געשיכטע פון דעם סערבישען קעניגליכען הויף. — דאָס אַלעס האָט מיר געגעבען דיא געלעגענהייט צו לערנען וואס פיר א נוטצען מיינע ביכער ברייגגען, און וואס פיר א געגענשטענדע איך זאָל אין זיי בעהאַנדלען.

פון פערגוואַלטיגען און פון לוסט מערדעריי

קען דר. לאַנדעס מעדיצינישע מיטלען מאַכען פריי.

9טעם קאפיטעל.

פערגוואלטיגען און לוסט מערדעריי.

פערגוואלטיגען מיינט דיא צוזאמענקונפט מיט א פרוי מיט וועלכע מען איז ניט פערהייראטה, אהנע איהר צושטימונג, — מיט געוואלט, — אדער מיט א מיידעל וואס איז אינגער פון 14 יאהר.

אין דיא לעצטע צייט האט זיך דאס פערגוואלטען קינדער זעהר שטארק פערשפרייט. אין טארדיע׳ס "Attentats" געפינט זיך דער פאקט, אז אין פערלויף פון פינף אונד צוואנציג יאהר איז פיר׳ן געריכט פון פראנקרייך פארגעקומען 22,017 קייסעס פון פערגוואלטיגען. דערפון איז געווען 17,657 אויף קליינע קינדער.

לאמבראזא (דער גרויסער איטאליענער קרימינאלאגיסט) בעהויפטעט, אז ביינאהע אין אללע פעללע פון פערגוואלטיגען קליינע קינדער אדער עלטערע פרויען, זיינען דיא מעננער האלבע אדער גאנצע אידיאטען, און צייגט אויף פעללע וואו מעננער האבען פערגוואלטיגט זייערע נעהענטססטע קרובים.

דאס פערגוואלטיגען בריינגט אפט צו מערדעריי, צוואר דיא מערדעריי גיעבט פערשיעדענע. עס קען טרעפען, אז עס ווערט ערמארדעט גאר א זייטיגע פערזאן, מיט דעם צוועק ארויסצוראמען פון וועג א׳ן עדות; אבער עס טרעפט אויך, אז דיא פערזאן וואס ווערט פערגוואלטיגט ווערט ערמארדעט, און נאך מעהר זאנדערבאר איז דיעזע זארט מערדעריי, אז מען געפינט אויס, אז עס פעהלען פון דעם טויטען קערפער געוויסע טהיילען וואס זיינען שייך צום געשלעכטפערקעהר, דיעזע זארט מערדעריי ווערט אנגערופען „לוסטמערדעריי“.

דר. לאנדעס זאגט: ווען מען וואלט קינדער גוט ארום געזעהן; וואלטען מערדער און מארדטהאטען וויניגער געזעהן.

היער וועל איך ברייננגען איינינע פאקטען.

אין יאהר 1888, אין מאנאט מאי, האט פאסירט פאלגענדע געשיכטע.

קליינע קינדער האבען זיך געשפיעלט אין סטריט, איין אונבעקאנטער מאנן איז געקומען און האט אוועקגעפיהרט א קליינעם יונגע פון 8 יאהר. דעם נעכסטען טאג האט מען געפונען אין וואלד דעם טויטען קערפער פון דעם יונגע, וועלכער איז געווען דורכאויס פערוואונדעט און דיא בויך איז געוועו אויפגעשניטען.

מען האט אנגעפאנגען נאכצוזוכען און מען איז דערגאנגען, אז דיא לעצטע איינינע וואכען פלעגט אין יענעם געגענד קומען א מאן און האט געוואלט אוועק פיהרען א קליינע מעדכען.

ווען דער קאראנער האט אונטערזוכט דעם טויטען קערפער, האט ער בעריכטעט, אז דאס איז געווען א „לוסט-מערדעריי". אללע וואונדען וואס זיינען געווען אין קערפער האבען דארויף אנגעציינט.

עס איז געפאלען א פערדאכט אויף א בויער, מען האט איהם ארעטירט, אבער ווען מען האט איהם אוועקגעשטעלט בעפאר דיא קליינע קינדער, אז זיי זאללען בעשטעטיגען אויב דאס איז דער מאן וואס האט אוועקגעפיהרט זייער חבר אין וואלד, האבען זיי ניט געקענט זאגען אויף זיכער. דערצו איז נאך געקומען זיין שוועסטער און האט עדות געזאגט, אז אין יענע צייט ווען דער מארד איז געשעהען איז ער געווען ביי איהר, און אזוי וויא עס איז ניט געווען גענוג בעווייזע האט מען דעם בויער בעפרייט.

דיא בעאמטע פון דארף האבען אבער ניט גערוהט און האבען געקליעבען נייע בעווייזע, ביז ענדליך דער בויער האט זיך מודה געווען, אז ער האט אוועקגעפיהרט א קליינע מעדכען אין וואלד און האט איהר אוועקגעלייגט אויפ'ן גראז, זיא האט זיך אנגעפאנגען שטארק צו ווארפען און דאט זיך געמאכט א וואונד אין קאפ, פון

וועלכע בלוט האט געראנען, און זיא האט שטארק געוויינט. דאס דערזעהענדיג, איז זיין ליידענשאפט געשטילט געווארען און ער איז אנטלאפען.

ווען ער איז אין אייניגע טעג ארום געקומען אין דעם זעלבען גע־גענד האט ער דעם אכט יאהריגען יונגע געזאגט, אז ער וועט איהם צייגען אין וואלד א נעסט פון פייגעלאך. דער יונגע האט זיך געלאזט אנריידען. ווען זיי זיינען געקומען אין וואלד, האט ער מיט גוואלט ארונטער גענומען דעם יונגעם הייזען. דאס קינד האט אנגעפאנגען שטארק צו שרייען, דאן האט ער איהם אריינגעשטאכען א מעססער אין האלז און האט איהם געמאכט צוויי וואונדען, און ער האט אנ־געפאנגען צופריעדען צושטעלען זיין ליידענשאפט, אבער דער יונגע איז געווארען קעלטער, און ווען ער האט בעמערקט, אז דאס קינד איז טויט, האט ער איהם אבגעשווידערט און ער איז אוועק. זיינע פיס האבען זיך געטרייסעלט פון שרעק.

ווען דאס געריכט האט אויסגעהערט זיינע רייד, האט מען איהם בעשטראפט נאכ'ן געזעטץ.

אין דיא פערשיעדענע מארד־פראצעסען, וועלכע קומען פאר אין אונזער צייט, זעהט מען מאנכעס מאל זאנדערבארע פאקטען, וועלכע איבערראשען יעדען איינעם. איבערהויפט אין אזעלכע מארדען וועל־כע האבען א שייכות מיט פערגוואלטיגען. אין אנדערע פעללע בלייבט א צווייפעל אויב דיא פערגוואלטיגונג איז געוועזן דיא אורזאכע פון מארד, דאך איז עס אונבעשרייטבאר, אז עס האט אויך פאסירט דאס פערגוואלטיגונג איז פארגעקומען נאך דעם וויא דיא פרוי איז שוין געוועזן ערמארדעט. נאטירליך, דאס איז שוין דיא העכסטע שטופע צו וועלכע לוסט־מערדעריי קען גרייכען, און דארום פאסירט עס גאנץ זעלטען.

דער מענש וואס איז א שוועכלינג און האט קיין מוטה;
קען א מיטעל פון דר. לאנדעס ווירקען גוט.



דאס ציינט וויא אזוי אַ טיומאָר ווערט געהיילט מיט עלעקטרי, דאס איז איינע פון דיא נייסטע ערפינדונגען אונד דורך דיעזע אַרט בעהאנדלונג פערשפּארט מען צו מאכען איין אָפּעראַציאָן.



דיא בעהאנדלונג מיט ליכט שטראהלען, דאס איז אַ נייע מעטאָדע. וועלכע פיעלע וויסען נאך גאר ניט דער פון, עס בעשטעהט אין דעם דאס דורך בעהאנדלונג מיט שטראה־לען פון בעלייכטונג קען אַ קראנקער געהיילט ווערען.

10טעם קאַפּיטעל.

קעניג לודוויג דער 16.

(אַ פּסיכאָלאָגישע שטודיאום.)

אַן אבהאנדלונג וואָס איז ניט שייך צו פּאָליטיק.

דער האַראַקטער פון פראַנצויזישען קעניג, וועלכען מען האָט אראַפּגענומען דיא קאָפּ, איין אנערקענטער שוועכלינג, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין מוטה צו ווידערשטעהן דיא רעוואָלוציאָן.

ווען מיר לערנען דיא וועלט־געשיכטע, דיא אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען, און דעם גאַנג פון פערשיעדענע פּעריאָדען, געפינען מיר אימער פראגען וועלכע זיינען געבליעבען ניט פערענטפערט און דאָס איז ביז היינטיגען טאָג אַ רעטעניש.

ווען דער דענקענדער מענש לערנט דיא געשיכטע פון דיא פערגאַנגענהייט, שטעלט ער זיך אָפּ אויף אזעלכע פלעטצער וואו דער היסטאָריקער האט בלויז עררינערט פּאַרבייגעהענדיג, און האָט ניט געפונען פיר נויטיג דאָס דייטליך צו ערקלעהרען, דאָך קען זיין, אַז דיעזע ניט דייטליך ערקלעהרטע פּאַסירונג איז געוועזען זעהר אַ וויכטיגע, און דיא צוקונפטיגע פּאַססירונגען זיינען געוועזען אבהייניג אָדער דיא פאָלגען פון יענעם פּאַרבייגעהענדיג דערמאָנטען געגענשטאַנד.

דיא היסטאָריע איז פול מיט אזעלכע זאכען, און ווען מען זאָל וועלען דיעזע אַללע זאַכען בעשרייבען און פערענטפערען, דארף דאָס פּאַרנעהמען דעם גאַנצען לעבען. איך וועל בלויז עררינערען איין פּאַקט, וועלכער איז זעהר אינטערעסאַנט און איז צו גלייכער צייט בעלעהרענד.

מוטהלאָזיגקייט, פייגהייט קומט דורך פערלאָרענע קראַפט
דר. לאַנדעס האָט קראַנקע, מוטה און קוראַזש געשאַפט...

אין דעם יאָהר 1770 איז עסטרייכער פּרינצעסין מאַריע אַנ־טאָינעט פערהייראַטהעט געוואָרען צו דעם טראָהן־נאָכפאָלגער פון פראַנקרייך, לודוויג, וועלכער איז אין אַ קורצע צייט שפּעטער געוואָרען דער קעניג פון לאַנד.

וואָס האָט געקענט זיין אַ גרעסערער גליק פיר אַ מוטער, וויא צו פערהייראַטהען אַ טאָכטער צו אַ ערבּ־פּרינץ, וועלכער וועט אין גיכען הערשען איבער דרייסיג מיליאָן מענשען ?

דיא קלוגע און העלדישע מוטטער מאַריא טהערעזיא האָט גערעכענט, אַז קיין בעסערער שידוך פיר איהר טאָכטער קען שוין ניט זיין.

יא, דער מענש טראַכט, און גאָט לאַכט. איך וועל דאָ ניט דערמאָנען וועגען דיא פּאָליטישע לאַגע און דעם שרעקליכען לעבען וועלכע דיא פּאָאַר פאָלק האָבען דורכגעמאַכט אין דיא צייט פון דיא פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, מיין ציעל איז דאָ צו פערהאַנדלען וועגען זייער פערהייראַטהען לעבען, וויא זיי האָבען געלעבט צווישען זיך אלס מאַן און פרוי, און וואָס פיר אַ ווירקונג דאָס האָט געהאַט.

מאַריא אַנטאָינעט איז געוועזען זעהר אַ שעהנע פרוי אין האָט געהייראַטה יונג. גאַנץ פראַנקרייך האָט געשטורעמט מיט איהר שעהנהייט בלויז איהר אייגענער מאַן איז ניט נתפּעל געוואָרען פון איהר רייצענדען פּנים.

ווען דיא יונגע פּאָאַר זיינען אַנגעקומען אין פּאַריז און דאָס פאָלק האָט איהר דערזעהען איז מען משוגע געוואָרען פון איהר איבערראַשענדע שעהנהייט. דיא צייטונגען האָבען אויסגעניטצט גאַנצע קוואַלען פון פּרעכטיגע אויסדריקע וועגען דיא נייע צירדע פון פראַנקרייך. פּאָעטען האָבען וועגען איהר געזונגען און דיא מאַלער האָבען געטרייט צו איבערשטייגען איינע דיא אַנדערע אין דיא קונסט אַרויסצוגעבען איהר שעהנהייט אויפ'ן בילד.

דר. לאַנדעס שאַפט פּאַקטען וואָס וועלען לייסטען פיעל, צו בעלעהרען דער מענשהייט דאָס איז זיין ציעל.

לואיס האט זיך וויניג געקימערט וואס מען האט אזוי פיעל גע־רעדט וועגען זיין פרוים שעהנהייט און האט אליין ארויסגעצייגט צו איהר דיא גרעסטע גלייכגילטיגקייט. ער פלעגט זאגאר אויסמיידען צו זיין מיט איהר אין איין צימער.

אנטאניעט׳ן האט עס זעהר געקריינקט וואס איהר מאן איז אזוי פון וויטען און קיממערט זיך וועגען איהר אזוי וויניג, און זיא האט געזוכט צו פערטרייבען דיא צייט און צו לינדערן דעם שמערץ פון איהר הארצען מיט בעללער, טהעאטערע און אנדערע אונטער־האלטונגען.

דיא האף־דאמען האבען בענוצט דיעזע געלעגענהייט צו זייערע אינטריגען און האבען דורך דעם געטרייט איינצוואווארצלען א האסס ביי׳ן פאלק צו דיא קינפטיגע קעניגין.

דיעזע אינטריגען האבען זיך אנגעפאנגען שטארק צו פערשפריי־טען, און דאס ליידען פון מאריא אנטואנעטי האט זיך פערגרעסערט. זיא האט געפיהלט אז זיא האט ניט קיין פריינד ווער עס זאל זיך פיר איהר אננעהמען. איהר מאן איז פיר איהר געווען א פרעמדער און פלעגט איהר בעגריסען יאנץ העפליך אבער ניט זעהר פריינדליך, וועגען צערטליכקייט איז גאר קיין רייד ניט. אז עס האט א מאל פאסירט דאס זיי האבען שפאצירט אין גארטען געארעמט, איז דאס געווען א איבערראשונג פיר איהר, און דיא האף־דיענער האבען שוין גערעדט צווישען זיך וועגען דעם, אלס א זאנדערבארע פאסירונג.

עס האט ניט פיעל געדויערט און לודוויג איז געווארען געקרוינט אלס דער קעניג און אנטואנעטי אלס דיא קעניגין פון פראנקרייך. דיא קאראניישאן איז צוגעגאנגען מיט פראכט און גלאנץ. דאס פאלק האט זיי אבגעגעבען כבוד איבעראל וואו זיי זיינען געקומען; דאך איז געלעגען א ווארעם אין אנטואנעטי׳ס הערץ און האט איהר גע־

זייט איהר ארעם אדער רייך גרוים צו קליין.
דר. לאנדעם קורירט יעדען ווער עס קומט צו איהם צוגעהן.

גויעט. זיא איז ניט געווען צופריעדען. זיא האָט ניט געקענט זיין צופריעדען.

ווארום? — פיער יאָהר זיינען פאַראיבער, צייט זיא האָט געהייראַטה און איהר מאַנן איז געווען פרעמד צו איהר. פאַר לייטען אין דיא אויגען האָט ער איהר געשעצט און געאַכטעט, אָבער ווען זיי זיינען געווען אליין האָט ער איהר ניט בעטראַכט אלס זיין פרוי.

מען קען דיינקען אַז לודוויג האָט ניט געליעבט זיין פרוי, אָבער דאָס איז פאַלש, — ווען ער וואָלט איהר ניט ליעב געהאַט וואָלט ער גאַנץ אַנדערש געגען איהר געהאַנדעלט. ער האָט איהר דוקה געליעבט, און זיין ליידען איז געווען פיעלייכט אַזוי גרויס וויא אַנטואַנעטים.

אַלזאָ, וואָס איז דיא אורזאַכע דערפון?

ווען מען מאַכט אַ פסיכאָלאָגישע שטודיאום איבער דעם חאַראַקטער פון לודוויג דעם 16טען, זיין ליעבען דיא איינזאַמקייט, זיין אונגעזעצטער חאַראַקטער, זיין פייגהייט, זיין שוואַכקייט, זיין אונבעשטענדיגקייט — דאָס זיינען אַללע צייכענס פון אַ פערזאָן וואָס איז בעגאַנגען זינד געגען דיא נאַטור.

עס איז וואהר, אַז דיא היסטאָריקער דערמאָנען ניט דיעזען פאַקט, אָבער ווער עס וועט שטודירען גענוי דיעזען געגענשטאַנד וועט קומען צו דיא איבערצייגונג, אַז דיעזע בעהויפּטונג איז אַ וואַהרע.

דער אונגליקליכער לודוויג דער 16טער. — אויף איהם איז מקוים געוואָרען אַ דאָפּעלטע קללה: ער האָט געליטען פיר דיא זינד פון זיינע עלטערן און פיר זיינע אייגענע זינד. און ער האָט געליטען פיר דיא זינד וואָס זיינע עלטערן און אורעלטערן האָבען בעגאַנגען געגען דיא נאַטור, און ער איז אויך בעשטראָפט געוואָרען אויף אַ דאָפּעלטען אַרט, פון דיא געזעלשאַפט און אויך פון דיא נאַטור.

דר. לאַנדעס זאָגט: אַ זינדיגער וואָס האָט אַ שעהנע פרוי איז גלייך;
צו דעם וואָס בעט אַ טרונק ווען ער שטעהט ביין טייך...

מיר מוזען קומען צום שלוסס, אַז לדוויג דער 16טער איז גע־וועז אין גאַנצען אונפעהיג צו פיהרען אַ פערהייראַטהען לעבען, און דאַרום האַט ער אויסגעמיידט צו זיין אַליין מיט זיין פרוי.

אין דעם ליעגט דיא געהיימנים פון מאַריא אַנטואַנעטים ליידען, און דאַס איז דיא אורזאַכע וואָרום עס איז אַוועק פיער יאָהר צייט נאָך זייער הייראַטה און דאָך זיינען זיי געוועזען פרעמד איינע מיט דיא אַנדערע.

שפּעטערדיגע יאָהרען האָבען זיי געהאַט קינדער. אפּיקורסים זאָ־גען, אַז דיא קינדער זיינען געוועזען דעם קוטשערס, נור אַזוי וויא דאָס איז בלויז אַ סברה וועל איך דאָס ניט בריינגען אַלס אַ פאַקט. —

איך וויל בלויז בעהויפּטען, אַז דיא נאַטור קוקט ניט אויף אַרעם אָדער רייך, גרויס אָדער קליין, — זיא בעשטראַפט יעדען נאָך זיין פערדיענסט.

וואָס קען זיין מעהר? אַ קעניג פון דיא ציוויליזירטעסטע לאַנד האָט געהייראַטה מיט אַ יונגע שעהנע מעדכען און האָט ניט געקענט לעבען מיט איהר גליקליך.

און ניט נור אין פערהייראַטהען לעבען איז ער געוועזען אַ'ן אַבגע־שטאַרבענער. אין זיין גאַנצע קאַריערע געפינען מיר וואָס פיר אַ שוועכלינג און וואָס פיר אַ פייגלינג ער איז געוועזען.

ניט נור זיין מענליכע קראַפט איז געוועזען אַבגעשוואַכט זאָנדערן אויך זיין גייסטיגע פעהיגקייט איז אין גאַנצען פערשוואונדען, עס איז זאָגאַר פערשוואונדען ביי איהם דער קעניגליכער שטאָלץ, אויף אַזוי וויים, דאָס ער האָט איינגעוויליגט זיך צו פערשטעלען אַלס אַ דיענער פון זיין פרוי, ווען זיי זיינען אַנטלאָפען פון פּאַריז. ביי דיא קלענסטע געלעגענהייט פלעגט ער זיך באַלד אונטערגעבען זיינע געג־נער, און האָט קיין מאָל ניט געהאַט דעם דרייסט פון אַ קעניג וואָס

מענער! ווען איהר זייט קראַנק, וואַרט ניט לאַנג!
צו דר. לאַנדעס דאַרף ביי אייך זיין דער נויטיגסטער גאַנג.



אדם און חוה

זאָל קענען וויעדערשטעהען דעם ווילען פון זיין פאָלק, און קענען בע־פעהלען זיינע אונטערטהאַנער.

דאָס איז געוועזן דיא הויפט אורזאַכע ווארום לודוויג איז ניט גע־וועזן אימשטאַנדע צו אונטערדריקען דיא רעוואָלוציאָן. ער איז געוועזן אַ שוועכלינג אין אַללע בעציעהונגען, און איהר ווייסט וויא אַזוי אַ מענש קומט צו אַזאַ שטאַנד.

יעדער מענש קען דיזע געשיכטע לעזען און שטודירען, און זעהן וויא עס איז ניט גוט צו זיין אַ שוועכלינג זאָגאַר ווען מען איז אויף דער העכסטער שטופע פון דיא געזעלשאַפט.

יעדער מענש דאַרף האָבען ענערגיע און מוטה צו פיהרען זיין מלוכה, צו קעמפפען געגען אַללע שטרייטיגקייטען און צו קענען בע־זיעגען און בעזייטיגען אַללע הינדערניסע וואָס שטעהען איהם אין וועג, — זאָנסט קען ער ערוואַרטען אַזאַ סוף וויא לודוויג דער 16טער האָט געהאַט. (איך מיין ניט צו זאָגען, אַז יעדער שוועכלינג וועט גי־ליאָטינירט ווערען, נור עס איז זיכער, אַז פערהעלטניסמעססיג וועט ער האָבען אַ שלעכטע ענדע).

מעננער ! נעהמט אייך דאָס אין אכט. לאָזט ניט פארבייגעהן דיא געשיכטע, וואו איהר האָט ניט גוט נאַכגעדיינקט וועגען דעם. זאָל זיך יעדער לעזער נעהמען אביסעל צייט איייניגע טעג נאָכאַנאַנד, און דיינקען וועגען דעם וויא אַ קעניג האָט פערשפּיעלט זיין מלוכה, זיין עהרע און זיין לעבען נור דערפאַר ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין מוטה צו וויעדערשטעהן, צו זיין זעלבסטשטענדיג. ער האָט ניט גע־פונען קיין אינטערעססע און אויך ניט קיין פריינדשאַפט אין זיין פרוי. — ווארום אַללעס צוליעב דיא זעלבע אורזאַכע.

אויב איהר זייט איין אַרבייטער, אַ קלערק אָדער אַ ביזנעס מאַן, ווילט איהר אימער שטייגען העכער, איהר זייט ניט צופריעדען מיט דאָס געגענווערטיגע. אין אונצופריעדענהייט ליעגט דער פּראָגרעסס

עס קומען צו דר. לאַנדעס בריעף און פּרעזענטען,
אין דיא טויזענדע פון זיינע פּאַציענטען.

פון דער וועלט. אָבער וויא קען אַ מענש שטייגען ווען איהם פעהלט מוטה און קרעפטען? פרעגט זיך אַליין אויב איהר זייט אימשטאַנדע צו גרייכען עטוואַס העכערעס. בעטראַכט אייער פערגאַנגענהייט און איהר וועט וויססען וואָס איהר קענט ערוואַרטען אין דיא צוקונפט. — ווען איהר צווייפעלט אין אייער פעהיגקייט, ווען איהר דיינקט, אַז איהר קענט זיך ניט פערלאָזען אויף אייערע קרעפטען, אויף אייער מוטה און ענערגיע, וועלכע איהר האָט פערלאָרען דורך זינד געגען דיא נאַטור — קומט צו מיר. מיין פּראַקטיק איז זעהר גרויס, איך האָב געהאַט פערשיעדענע פעללע, און וואָס לעהרנט נאָך אַזוי פיעל וויא ערפאַהרונג?

איך האָב אַ געוואָהנהייט צו קאָרעספּאָנדירען מיט מיינע פּאַציענטען, נאָך דעם וויא זיי ווערען פאָלשטענדיג אויסגעהיילט. איך פערניכטע בלויז דיא בריעף וועלכע מען פערלאַנגט, אַז קיינער זאָל וויססען דעם ניט וויססען און דאָס וואָס דאָרט איז געשריעבען זאָל בלייבען אַ געהיימניסס; זאָנסט בעהאַלט איך אַללע בריעף וואָס מיר קומט אָן פון מיינע פּאַציענטען. דיא בריעף זיינען איינגעאָרדענט מיט אַ סיסטעמע עס זאָל זיין לייכט אויסצוגעפינען.

אייניגע מאָל אין וואָך, אָדער אַמאָל זעלטענער, נעהם איך אַרויס עטליכע בריעף און לעז דורך. מאַנכעסמאָל לעז איך איין בריעף זאָגאַר פינף מאָל. דאָס איז איין אינטערעסאַנטע שטודיום און צו דער זעלבער צייט איין אַנגענעהמע בעשעפטיגונג. דיא שטודיום איז אינטערעסאַנט דערפאַר, ווייל דורך דעם זעהט מען וויא מענשען וואָס האָבען געהאַט פערשיעדענע קראַנקהייטען און זיינען געוועזען אַזוי ענט־מוטהיגט, זיינען דורך מיין געהעריגע בעהאַנדלונג געבראַכט גע־וואָרען אין אַ צושטאַנד פון קראַפט און מוטה. עס איז מיר דאָפּעלט אַנגענעהם; ערשטענס: צו זעהען דיא דאַנקבאַרקייט פון מיינע פּאַציענטען, און צווייטענס: צו זעהן דאָס

זעלבסט בעפרידיגונג האָט פערשיידענע פאָרמען און אַרטען, געהט צו דר. לאַנדעס, לאָזט לאַנג ניט וואַרטען.

מיין שטרעבונג וועלכע איך האָב זיך גענומען אין מיין לעבען צו העל־פען דער ליידענדע מענשהייט געלינגט מיר צו ערר[ייכען], און דאָס איז מיין גרעסטע בעלאָהנונג.

איך וועל דאָ ברייגגען א קליינעם בריעף וועלכע איך האָב דורך געלעזען הייטע פריה.

טשיקאַגאָ, דזשון 1905

מיין רעטער ! —

איך האָב אייך פערשפּראָכען צו שרייבען וויא מיר וועט געהן אין מיין געזונד. דיא אורזאַכע וואָס איך האָב אייך ביז יעצט ניט געשריעבען איז ווייל איך פיהל אזוי גוט, דאָס איך בין שטענדיג בעשעפטיגט און האָב פשוט קיין צייט ניט געהאַט. יעצט בין איך פערלאָבט געוואָרען צו א שעהנעם מעדכען און קריג נאָך 2000 דאָללאַר נדן.

האָב איך וועגען דעם געקענט טראַכטען מיט א יאָהר צו־ריק ? דאַן איז געווען מיין צוקונפט פינסטער, מיין וועלט פערביטערט. יעצט האָב איך דיא בעסטע האָפנונג, און איך וועל אימּמער בעטראַכטען אַלס דעם גליקליכסטען טאָג פון מיין לעבען, יענעם טאָג ווען איך האָב זיך דערוואוסט וועגען אייך. געבענטשט זאָלט איהר זיין פיר אייערע גוטע טהאַטען.

אויב עס וועט מיר זיין מעגליך וועל איך אייך אין גיכען שרייבען נאָך א בריעף.

איך פערבלייב מיט דער גרעסטער אכטונג און דאַנקבארקייט,

אייער גערעטעטער,

נייטהאַן.

דר. לאַנדעסס זאָגט : היט אייערע יונגע קינדער,
זיי זאָלען ניט זיין קיין שוועכלינגע קיין זינדער.

11טער קאַפּיטעל.

פערשידענע פארמען און מעטהאדען פון זעלבסט=בעפריעדיגונג.

דיא גרעסטע טהייל זעלבסט-בעפריעדיגונג איז דיא א י נ ז א מ ע. מען רופט עס מיט דיעזען נאָמען דערפאר ווייל דאָס ווערט געטהון אין איינזאַמקייט. עס איז אויך ריכטיג, אז דאָס איז גרעסטענטהיילס דער אָנפאַנג פון פערשיעדע אַנדערע מעטהאָדען פון זעלבסט-בעפריעדיגונג.

דיעזער זאָרט אָנאַניזם איז דערפאר פערשפּרייט מעהר וויא אַלע אַנדערע מעטהאָדען, ווייל דער מענש קען דאָס געברויכען אַלע מאָל, ווען ער איז נור אַליין, און אין וועלכען פּלאַטץ ער געפינט זיך. דאָס איז אַ טהאַט וואָס קומט פאָר אין געהיים. דער וואָס בעגעהט דיעזע טהאַט טראַכט, אַז קיינער וויים ניט דערפון און ער האָט זיך ניט צו שעהמען.

דיא שאַנדע איז דאָס וויכטיגסטע וואָס פערהיט מענשען פון פערשיעדענע אונמאָראַלישע טהאַטען, דאָך אין דיעזען פאַלל איז דיא געהיימע זעלבסט־בעפריעדיגונג גראַדע אַזוי אונמאָראַליש און אַזוי שעדליך וויא אַנדערע.

נאָך אַ זאָרט אָנאַניזם איז ־יא פ ע ר ז ע נ ל י כ ע, וואָס קומט פאָר צווישען צוויי פערזאָנען; צווישען פערהייראַטע וואָס ווילען אויסמיידען קינדער, צווישען געליעבטע, אונד ז. וו. וועלכע בעגעהען דיא נאַטירליכע געשלעכטליכע פערבינדונג אויף אַ אונ־נאַטירליכען אַרט. אויך פּאַסירט עס ביי אינגלאַך וועלכע האָבען גאַנ־

דר. לאַנדעס קען דיא זינדיגע אנפאַנגער אוים קורירען;
אַז זיי זאָלען דיא לוסט פון זעלבסטבעפרידיגונג פערלירען.

צע „חברות“ און געהען גרופּען ווייס אוועק אין איינזאמע פּלעטצער און בעגעהען דאָרט פערשיעדענע אונזיטליכע טהאטען.

ציממערמאַן בעהויפּטעט אין זיין ווערק, אַז אַ גאַנצער קאָלעדזש האָט זיך געווענדעט נאָך מעדיצינישע הילפע, ווייל ביינאַהע אַללע סטודענטען האָבען געליטען פון ערשעפּפונג און ערמיעדונג אין זייערע געדאַנקען דערפאר ווייל זיי האָבען בענוצט זעלבס־בעפריעדיגונג.

דער זעלבער פּערפּאַססער בעהויפּטעט אויך, אַז מען האָט אַמאָל ענטדעקט אין אַ שטאָדט אַ סאָסייעטי פון יונגע באָיעס אין דיא יאָה־רען פון 12 ביז 15 וואָס פּלעגען אָבהאַלטען רעגעלע מיטינגען מיט דעם צוועק צו בעגעהען אָנאַניזם.

לאַלעמנאַד זאָגט, אַז ווען איינינע פּאַסטוכער זיינען צוזאַמען שעהמען זיי זיך ניט איינע פיר דיא אַנדערע, און ברייננט דיא בע־הויפּטונג פון זיין פריינד דונאַי, וועלכער איז געווען דער אָבער־פּראָ־פעסאָר פון אַ וויסענשאַפטליכען פאַקולטעט.

זיין פריינד דערצעהלט, אַז ווען ער איז געגאַנגען אין וואַלד קלייבען גראָזען און אַנדערע געוויקסע, האָט ער געטראָפען פינף פּאַסטוכער ליעגענדיג אויף שטיינער און געברויכענדיג אָנאַניזם. גאָר אונגעשטערט איינע פיר דיא אַנדערע, ווען זיי האָבען איהם בעמער־קט האָבען זיי אַרויסגעצייגט זייער אונצופריעדענהייט, ניט ווייל זיי האָבען זיך פערשעהמט, זאָנדערן ווייל ער האָט זיי געשטערט.

נאָך איין אינטערעסאַנטער פאַקט איז פאָלגענדער:

אין דעם יאָהר 1876 האָט אַ מאַגיסטראַט געהאַט פיר זיך אַ טריעל פון אַ חברה יונגע גנבים, דער עלטסטער איז געווען ניט מעהר פון 20 יאָהר. נור אַזוי ווי מען האָט בלויז אַרעטירט איינינע, האָט דער מאַגיסטראַט זיי פאַנאַנדער געפרעגט וועגען זייערע איבריגע קאַמעראַ־דען. אַנפאַנגס האָבען זיי געלייקענט, נור נאָכדעם וויא מען האָט זיי געזאָגט, אַז זייער שטראַפע וועט זיין פיעל גרעסער ווען עס וועט זיך

לעזט דעם „מענער פריינד“ פון דר. לאַנדעס געשריבען,
אויסער דיא נוטצען וועט איהר עס גלייכען און ליעבען.



ארויסצייגען אז זיי האָבען געהאַט מיטהעלפער, פון וועלכע זיי ווילען ניט אויסזאָגען, דאן האָט איינער ערקלעהרט, אז דא פעהלט נאָך דער „זיעבען און פערציג“.

דער ריכטער און אנדערע אַנוועזענדע זיינען געבליעבען פער־וואונדערט פון דיעזע בעהויפטונג. ווען מען האָט עס גוט נאכגע־פאָרשט האָט זיך ארויסגעציינט אז זיי האָבען געהאַט אַ חבר וועלכער האָט ערפונדען 47 מיטלען וויא אזוי ארויסצוברייגגען זאממען, און דערפאר רופען זיי איהם מיט דעם נאָמען זיעבען און פערציג.

דיעזע צוועלף יונגע גנבים האָבען געהאַט אַ בעזונדערן צימער וואו זיי פלעגען צוזאמען קומען און צופריעדען שטעלען זייער וואונש אויף אַן אוננאַטירליכען אָרט, איינע מיט דיא אנדערע. דאביי פלע־גען זיי אויסרופען וויפיעל בעוועגונגען מיט׳ן האנד מען פלעגט דאר־פען מאַכען. עס האָט ביי זיי עקסיסטירט אַ געזעץ, אז ביי וועמען עס האָט געדויערט לייננער האָט בעדאַרפט טריטען דיא איבעריגע מיט ויין.

פרעמדער אָנאַניזם הייסט דיעזער אָרט ביי וועלכען איין פער־זאָן געברויכט עס מיט דעם אנדערן, פערזאָנען פון דעם זעלבען געשלעכט. איבערהויפט עקסיסטירט עס צווישען קאָלעדזש סטודענטען אָדער ארעסטאַנטען וועלכע זיינען פערליעבט איינע אין דיא אנדערע. דאָס טרעפט אויך צווישען אַלטע, אימפּאָטענטע, אונפעהיגע מענער, וועלכע קלייבען אוים קליינע קינדער און בעצאָהלען זיי פיר׳ן בעגעהן דיעזע טהאַט.

(ווער עס וויל האָבען אַ בעגריף וועגען אַזעלכע אונגעוועהנליכע און אונאַנטירליכע טהאַטען, זאָל לעזען דעם 6טען קאַפּיטעל אין מיין בוך „דער מעננער פריינד“, וואו עס ווערט בעשריעבען זאָנדערבאָרע פּאַסירונגען, וואָס זיינען גענומען פון דיא זיכערסטע קוועלען).

דאָקטאָר פּאולעט בעריכטעט אז אַ גרויסער צאָהל פּראָסטיטור־

ניט וואַרט ביז דיא טרויעריגע ענדעס,
אין 140 איסט 22טע סטריט וואָהנט דר. לאַנדעס.

טען־פריען האָבען דערצעהלט, אז אין פיעלע פעלע פערלאַנגען מענער פון זיי דיא בעפריעדיגונג אויף אַן אוננאַטירליכען ארט. דאָס איז אין אַזעלכע פעלע וואו דיא מענער האָבען מורא פיר ווענערישע קראַנקהייטען, אָדער דיא מענער זיינען צו אַלט צו טהון אויף אַן נאַטירליכען ארט.

נאָך אַן אַנדער מעטהאָדע און מעהר זאַנדערבארער אַנאַניזם גיעבט עס, וועלכער ווערט אויך געברויכט אויף פערשיעדענע ארטען. לאַלעמאַנד בעשרייבט אייניגע פון דיעזע:

א סטודענט פון אַן אוניווערזיטעט האָט געשיקט צו זיין פראָ־פעסאָר א בעשרייבונג וועגען סיפערמאַטאָריא (זאמען). אין דיעזע בעשרייבונג דערציילט ער אז ער האָט געברויכט זעלבסט־בעפריע־דיגונג צייט ער איז אַלט געווען ניין יאָהר. אין אָנפאַנג איז געווען א געוועהנליכער זאַמען פערלוסט, שפּעטער האָט זיך דאָס ענטוויי־קעלט אין פערשידענע פאָרמען. אייניגע הויזען אָדער דאָס צודריקען צו דעם פלאַץ וואו ער איז געזעסען, פלעגט איהם פערשאַפען פער־געניגען, און דערפון פלעגט ער פערליערען אייניגע טראָפען ווייסע דורכזיכטיגע פליסיגקייט.

דאָס פלעגט ער טהון אייניגע מאָל א טאָג ביז ער האָט ערר ייכט דעם עלטער פון זעכצעהן יאָהר, ווייל צו יענע צייט האָט ער בעמערקט אין דיא פליסיגקייט טראָפענס בלוט. דאָס האָט אויף איהם ארויפ־געוואָרפען א שרעק און ער האָט עס אין גאַנצען אויפגעהערט צו געברויכען.

נאָך א געשיכטע דערצעהלט פראָפעסאָר לאַלעמאַנד:

א יונגע פון אכט יאָהר פלעגט שלאָפען אין איין בעט מיט זיין נוירס, (דיא מיידעל וואָס האָט איהם געהאָדעוועט) און ניט וויסענ־דיג ווארום פלעגט ער אימער וועלען ליעגען צוגעדריקט צו איהר. דער אַנזיכט פון דעם קערפער פון דיעזע מיידעל האָט ערוועקט אין

וויא זיך צו רואינירען זיינען פאראַן פיעלע וועגען,
וויא זיך צו קורירען דאַרפט איהר נאָר דר. לאַנדעסס פרעגען.

דעם יונגע דיא קראַפט פון פאַרשטעלונג און ער האַט בעצייטענס זיך איבערגעגעבען צו אַזעלכע זאַכען וועלכער ער האַט געהאַלטען פיר אַ געהיימניס.

שפּעטערע יאָהרען, ווען ער איז געוועזען אין קאָלעדזש, פלעגט ער ביי נאַכט זיך פאַרשטעלען וויא ער שלאָפט מיט דיא נוירס. ער פלעגט פּרובירען זיך לייגען אין דיא פּאָזיציאָנען וויא ער פלעגט אַמאָל טהון, ביז ער פלעגט זיך אין גאַנצען צופריעדענשטעלען, דאַביי האָט ער זיינע הענד ניט געברויכט. פון דיעזע שטאַרקע אָנשטרענגונג איז זיין געזונד רואינירט געוואָרען, זיינע אויגען זיינען געוואָרען שוואַכער און זיין געדאַנקען צושטערט.

אַנדערע יונגע מענער וועלכע האָבען אַ בעגריעף וועגען געשלעכטליכען פערקעהר, בויערן אויס לעבער אין דיא מאַטראַצען אָדער אין דיא קישענס, אָדער בענוצען זיך מיט דיא לעבער אין בוימער, און דאַביי שטעלען זיי צופריעדען זייער ליידענשאַפט. בוטשער יונגען געברויכען דערצו וואַרעמע לונגען, פון פריש געקוילעטע קעלבער.

ביי מאַנכע שטאַרבט אָפּ דיא פעהיגקייט ארויסצולאָזען זאַמען, דורך אַבשוואַכונג איז עס פיעל שווערער ארויסצוקריעגען. צו דיעזען צוועק געברויכען אַנדערע אַזעלכע מיטלען וואָס זיינען פערבונדען מיט גרויס געפאַהר, און עס טרעפט אָפט סיבות. צו דעם געהערט אויך דיא געשיכטע וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם פּאַסטוך לאַנגעדאָק, וועלכער האָט געברויכט זעלבסט־בעפריעדיגונג אכט מאָל אַ טאָג, און איז דורך דעם אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרען, אַז ער איז ניט אימשטאַנד געווען אַרויסצוקריגען קיין זאָמען, און אום צו ערהייכען זיין צוועק פלעגט ער אַריינשטעקען אַ שפּאָן פון 6 אינטשעס לאַנג אין זיין געשלעכטליכען טהייל, און אַ צייט יאָהרען איז איהם געלונגען אַרויס־

שטודירט פון דיעזען בוך דיא אלע פאַקטען און פעלע.

אין פאַרבערייטונג: „די ליעבע“, „דער מענש“, „קערפּער און זעעלע.“

צוקריגען זאממען דורך דיעזען מיטעל. ער פלעגט אויף בענוצען א שארפען מעסער און פלעגט זיך אנמאכען וויטאג ביז ער פלעגט דיא זאמען ארויסקריגען. דיא ענדע איז מיט איהם געווען זעהר א טרויעריגע.

אנדערע געברויכען דראטען אדער שטרוי, אבער דאס איז עבענ־פאלס אזוי געפעהרליך. אין דיא מעדיצינישע ארכיווען פון כירורגי, געפינט זיך א סך אזעלכע בעשרייבונגען, און אין יעדע פון דיעזע פעלע איז געווען געפערהליכע אפעראציאנען.

אנדערע טהוען אן ענגע רינגען אויף זייערע געשלעכטליכע אָר־גאנען אום צו ערוועקען דיא סענסואליטעט, אבער נאכהער האבען זיי דיא גרעסטע שוויעריגקייט דיעזע רינגען ארונטערצונעהמען.

א יונגען מאן, זיצענדיג אין א וואנע, איז אריין א געדאנקען צופריעדען צו שטעלען זיין וואונש אין דעם פלאץ וואו עס רינט אריין דיא וואסער. ער האט עס געטהון, אבער ער האט פיר קיין פאל ניט געקענט צוריק ארויסנעהמען זיין ארגאן. זיינע קולות האבען גע־בראכט אייניגע מענשען, און זיי איז מיט גרויס שוויריגקייט איהם געלונגען צו רעטען.

אויך פאסירט עס דאס מאנכע מענער געברויכען שטרוי אדער דינגע צווייגען. זיי שטעלען זיך אין גאנצען אין ריזיקע, ווייל דאס מוז קומען צו שלעכטע רעזולטאטען.

עס האט שוין ניט איין מאל געטראפען אז מען האט צו מיר געבראכט אזעלכע פאציענטען אין קעררעדזשעס, ווייל זיי זיינען ניט געווען אימשטאנדע צו געהען. דיא שמערצען און שרעק האט זיי אזוי אבגעשוואכט אז זיי זיינען ניט געווען אימשטאנדע זיך צו האלטען אויף דיא פיס. איך האב זיי געמוזט פערהאלטען ביי זיך א היבשע צייט ביז זיי זיינען געקומען צו אזא שטופע אז זיי האבען

דיא אויפקלעהרונג פערהיט פון זינד און קרימינאל דארום לעזט דר׳ לאנדעס מאגאטליכען זשורנאל.

געקענט אליין געהן. דאן האט עס נאך אויך גענומען גענוג צייט ביז זיי זיינען פאלשטענדיג געזונד געווארען.

עס איז דאך אבהייניג אן דעם וויא וויים דער פאציענט האט פערנאכלעסיגט, אדער וואס דער פאציענט האט געטהון, און עס פאסירט גאנץ אפט אז אין אזעלכע פעלע קען מען זיך ניט בעגעהן אהנע אפעריישאן.

יעדער מאן וואס לעזט דיעזען בוך זאל גוט אין אכט נעהמען דיא פאקטען וואס זיינען דא בעשריעבען, און זאל זיך אויסהיטען פון אזעלכע זאכען.

זאלען דיעזע בעשרייבונגען דיענען אלס א ווארנונג פיר דיא יעניגע וועלכע זיינען לייכטזיניג און טהוען דאס וואס עס קומט זיי ארויף אויף'ן געדאנקען, אהנע צו בערעכענען צו וואס פיר א שרעק־ליכע ענדע דאס קען פיהרען.



לעזט און שטודירט אלע דר. לאנדעס ביכער.
עס וועט אייך אינטערעסירען און נוטצען זיכער.

חדש ימינו כקדם.

איבערנעהאפטע בריעף, וואס זיינען געשיקט געוואָרען צו נוטע פריינד. און זיינען אַריינעקומען אין פרעמדע הענד.

ערשטער בריעף.

ליעבער פריינד: — פון מיין געזונד האב איך דיר זעהר פיעל צו שרייבען, איך בין שוין געוועזען אויפען שוועל פון קבר, איך האָב געהאט פערלארען דיא גאנצע לוסט צו לעבען און ליעבען, איך בין געוועזען וויא מען רופט עס אין אייער געגענד א צובראָכענער שארבען. פון צופיעל לעבען אין דיא יונגע יאהרען, פון חטאת נעורים האב איך געהאט פערלארען דיא גאנצע „מאנסקראפט", איך האב מיך אנגעפאנגען צו שרעקען פאר אנוועזענהייט פון פרויען, און וואס איז דיא וועלט אהן ליעבע? וואס פאר א ווערדע האט דאס לעבען אז מען קען דערפון קיין הנאה ניט האבען? איך האב אָנ־ [illegible] דיא שעהנע וועלט מיט אלע איהרע פערגעניגענס און [illegible] מיר געוואונשען דעם טויט. ויהי היום, האט מיר מיינער א פריינד, אז איך וועל עס איהם זאָגען איך וועל לעבען ניט פער־ געסען, געראטהען איך זאל גיין צו דאקטאר לאנדעס, 140 איסט 22טע סטריט, וועלכער האט איהם אליין פון אזא פאל קורירט און פאלשטענדיג אויסקורירט אין א גאנץ קורצע צייט.

איך האב מיין פריינד געפאלגט, און טאקי נור גאט האט איהם מיר צוגעשיקט, אום איך זאל נאך וויסען פון א וועלט און פון א לעבען.

12טעם קאפיטעל.

אונפאלשטענדיגע און פאלשטענדיגע זעלבסט-בעפריעדיגונג.

אונפאלשטענדיגע זעלבסט בעפריעדיגונג הייסט דיעזער ארט, וועלכער ווערט פערפאלקאמט אהנע דעם פערלוסט פון זאממען. דיעזע ארט אנאניזם בענוטצען יונגע קינדער, איידער זיי עררייכען דיא יאהרען פון רייפקייט. דורך דעם ווערען זיי אויפגערעגט און פיהלען א צופריעדענהייט. אבער אזוי שנעל וויא דער אויפרעגונג עררייכט דיא העכסטע שטופע ווערט דיא גאנצע נערוועז סיסטעם אפגעשוואכט.

אלזא דער אונטערשיעד פון אונפאלקאמען ביז דעם פאלקאמען אנאניזם בעשטעהט בלויז אין דעם דאס אין דעם אונפאלקאמענעם ארט ווערט ניט פערלארען קיין זאממען, אבער עס רעגט אויף דעם קערפער, רואינירט דעם געזונד און פערניכטעט דיא געהעריגע פיזישע ענטוויקלונג גראדע אזוי וויא אירגענד וועלכע אנדער פארמע זעלבסט-בעפריעדיגונג.

צווישען דיא וואס עררייכען דיא צייט פון רייפקייט, גיעבט עס צוויי פארמען פון אונפאלקאמענע זעלבסט בעפריעדיגונג. דיא ערשטע בעשטעהט אין דעם דאס דיא זעלבסט בעפריעדיגונג ווערט אונטערבראכען, אבגעהאלטען איידער עס קומט דיא צייט ווען דיא זאממען דארף ארויסגעהען. דיעזעס איז זעהר זעלטען אבער עס פאסירט דאך.

דער אנדער זארט אונפאלקאמענע בעפריעדיגונג בעשטעהט אין א זארט שפאזם ; דער מענש רעגט זיך אויף און אלע זיינע אברים

אזוי וויא דר. לאנדעס איז אלם מענער פריינד איינער כמעט אזוי איז אויך גרוים זיין נאמען אלם ליטעראט.

טרייסלען זיך און דורך זעלבסט בעהערשונג האלט ער זיך אָפּ און בערוהיגט זיך. דאבײַ פערליערט ער ניט קיין זאמען און ער פיהלט צופריעדען. אָבער דאָס איז א פאלשע צופריעדענהייט, דען אין דער ווירקליכקייט זיינען דיא זאמען ארוים פון זייער פלאַטץ און דורך דעם וואָס דער פאציענט האָט זיך פלוצלונג אָפּגעהאַלטען איז דיא זאמען ניט ארויסגערונען זאָנדערן זיי האָבען אומגעקעהרט דעם וועג און אריין אין בלאדער (פענכער).

וואָס איז דיא אורזאכע וואָס מענער גיעבען זיך אָפּ צו אזא אונ־פאַלקאָמענען בעפריעדיגונג ?

דער אנטוואָרט דאריף איז דאָס מאנכע האָבען מורא אז מען וועט זיך דערוויסען פון זייער געוואָהנהייט דורך דעם וואס זייערע וועש וועט זיין בעפלעקט. אנדערע דיינקען אז ווען דיא זאמען פליסט ניט ארויס איז דיא זעלבסט בעפריעדיגונג ניט אזוי שעדליך. אָבער זיי האָבען א גרויסען טעות.

דער פאקט איז אז דורך דעם וואס מאנכע מענער מאכען מיט דיא ארגאנען פערשיעדענע קונצען אום אָבצוהאַלטען דעם אויספלוס פון דיא זאמען, ווערען זייערע אָרגאַנען נאָך שנעלער אָבגעשוואכט און עס פאדערט נאָך מעהר פארשטעלונגסקראפט פיר דיא בעפריעדי־גונג. עס ברייננגט אזוי וויט אז מאנכע בענוטצען נאָדלען, און שטע־כען זייערע אָרגאַנען אום צו ווערען אויפגערעגט.

פיעל פראקטיצירטע דאָקטוירים האָבען אין זייער פראקטיק גע־האט אזעלכע פעלע, וואו פאציענטען זיינען געקומען מיט שטאָלענע אָדער אנדערע הילצערנע שפּיזען אריינגעשטאָכען אין דיא געשלעכטס אָרגאַנען, און דורך אונפארזיכטיגקייט איז עס אריין טיעף און זייא קענען עס ניט ארויסנעהמען.

אין דיא מעדיצינישע זשורנאַלען און ארכיוועס פון קליניקס זיי־

דר. לאַנדעס בעקעמפפט דיא פאַלשקייט, דיא נאַרהייט,
מיט זיין פעדער! וועלכע שרייבט דיא נאַקעטע וואַרהייט.

נען בעשריעבען זאָנדערבאַרע פעללע וועגען פערזאָנען וואָס בענוטצען האַלץ אָדער אַנדערע זאַכען פיר דיעזען צוועק, דאָס זאָנדערבאַרסטע דערביי איז דאָס פיעלע מענער טהוען עס זיך צו נאַרען, זיי שטעלען אריין פערשיעדענע זאַכען, און נאכהער האָבען דיא דאָקטוירים דיא גרעסטע שוויריגקייטען דאָס ארויסצונעהמען. א פאַציענט פון דר. קופפעט איז געקומען מיט אזא פאַל, וואו ער האָט בעדארפט ארויס נעהמען גלאָז שטיקלעכווייז. דאָך איז עס פיר דעם פאַציענט ניט געווען קיין אָנלעהרנונג און ער האָט עס נאכהער ווידער געטהאָן מיט דיא העלזעל פון א גראפינע (א פלאַש).

דער זעלבער דאָקטאָר קופפעט דערצעהלט פון נאָך א פאַל מיט זיינעם א פאַציענט וואָס איז צו איהם געקומען מיט א באָקס פון שמעק טאַבאַק אריינגערוקט אזוי טיעף אז עס איז ניט לייכט אַיגעקומען דאָס ארויסצונעהמען, דאָך איז דער זעלבער פאַציענט געקומען אין א קורצע צייט שפּעטער מיט א האָלץ, וועלכער איז געווען אזוי טיעף אז מען האָט ניט געקענט ארויסנעהמען און דורך דעם איז דער פאַציענט געשטאָרבען.

אין מיין אייגענע פּראַקטיק האָב איך אויך געהאַט אזעלכע פעלע, און דאָס צייגט אז דיעזער אונגעוועהנליכער צושטאַנד פון האַלב משוגע'נע מענשען, אָדער אידיאָטען, געפינען זיך איבעראַל.

צו דיא וועלכע וועלען זאגען אז אזעלכע זאַכען פּאַסט ניט צו בעשרייבען אין א בוך, וועל איך ענטפערען אז מיין צוועק איז צו פערהיטען דיא מענשהייט פון אונגאַטירליכע געוואָהנהייטען. זאָלען זיי ניט מיינען אז זיי טהוען עס אין דער שטיל, בעהאַלטענער הייט,

---

לעזט דר. לאַנדעס „מענער פריינד" וועט איהר פערשטעהן;
וואָס איהר דאַרפט טאָהן און וואוהין איהר דאַרפט געהן.

וועט עס קיינער ניט וויסען. זאָלען זיי זעהען אז ענדליך וועלען זיי מור־זען קומען צו א דאָקטאָר נאָך הילף; און זאָלען זיי זעהען צו וואסערע א שרעקליכע פאָלגען אזעלכע זאכען פיהרען.

דערמיט וואס מען דערצעהלט דעם מענשען דיא וואהרהייט בע־געהט מען ניט קיין פעהלער, איבערהויפּט איז וויכטיג צו געבען א ווארנונג צו אזעלכע וואָס זיינען ניט אים שטאנדע אליין צו פערשטע־הען וואָס פיר א פעהלער זיי בעגעהען.



ביי וועמען עס טרעפט אפילו אפּאָלוציאָן,
אין דעם קען דר. לאנדעס זעהר פיעל טאָהן.

13טעס קאפיטעל.

דיא אבשטויסענהייט פון פרויען.

דיא וועלכע זיינען געוואהנט צו געברויכען זעלבסט בעפריעדי־גונג ווארפען אוועק זייער געוואהנהייט אזוי שנעל וויא זיי געניסען די נאטירליכע צוזאמענקונפט. אבער עס זיינען דא אויסנאהמען. ביי מאנכע איז דיא געוואהנהייט אזוי איינגעווארצעלט, אז זיי זיינען ניט אימשטאנדע דערפון זיך אפצוגעוואהנען, און זיינען גאנץ גלייכגילטיג אדער זיי פיהלען זאגאר א אבשטויסענהייט צו פרויען.

דאס פאסירט גרעסטענטהיילס מיט אזעלכע מענער וואס זיינען דורך זעלבסט־בעפריעדיגונג אדער דורך אפטע פאלוציאנען אזוי אב־געשוואכט געווארען אז זיי זיינען ניט אימשטאנדע צו פערפאלקאמען דיא נאטירליכע צוזאמענקונפט און דאדורך האבען זיי געווארפען אן אומ׳חן אויף פרויען.

נאך איין אורזאכע איז: דיא וואס געברויכען זעלבסט־בעפריע־דיגונג זיינען געוואהנט זיך פארצושטעלען אין געדאנקען פערשיע־דענע פאנטאזיעס, אדער געוויסע אומשטענדען און געזעלשאפטען האבען א׳ ווירקונג אויף זייער אויפרעגונג, און דאס קען ניט פאסירען אונטער אנדערע געוועהנליכע אומשטענדע. דאס איינציגע וואס פער־שאפט זיי פערגעניגען איז בלויז דיא זעלבסט־בעפריעדיגונג.

אין אנפאנג איז עס געווען א פרוי וואס האט אין זיי ערוועקט דאס געפיהל פון אויפרעגונג, און אין דיא געדאנקען האבען זיי זיך פארגעשטעלט אז דורך דיא פרוי בעקומען זיי זייער צופריעדענהייט.

וועד עס פיהלט א געוויסע אבשטויסענהייט צו פרויען; זאל זיך צו דר. לאנדעס אנטרויען.

מיינע מעדיצין ווערט פערפערטיגט אין מיין אייגענע לאַבּאָראַטאָרי, פון איין קאָמפּעטענטען כעמיקער, אונטער מיין אויפזיכט. עס ווערען געברויכט בּלויז דיא בעסטע מעדיצינען פון דיא טהייערסטע פלאנצונגען, וועלכע וואקסען אין פערשיעדענע טהיילען פון דער וועלט. דאס איז נאטירליך פערבונדען מיט גרויסע קאָסטען, אבער מיין פּרינציפּ איז צו געברויכען נור דיא בעסטע מיטלען.

הייל מיטלען צו הויז.

דר. לעאָנאַרד לאַנדעס,

140 איסט 22טע סט., ניו יארק.

טויזענדע מענשען זיינען פון מיר פאָלשטענדיג קורירט געווארען, אַ גאנץ גרויסע צאהל פון מיינע פּאַציענטען האב איך קיין מאהל ניט געזעהען, ווייל אין אזא צייט וויא מיר לעבען, וואו יעדער בענוצט זיך מיט דיא נייע איינריכטונגען איז זעהר לייכט פיר אַ פּאציענט זיך צו בענוטצען מיט דיא פּאָסט און שרייבּען אללע זיינע סימפּטאָמען (ווען עס איז איהם ניט מעגליך צו קוממען) אונד ער בעקומט צוגעשיקט מעדיצינען דורך עקספּרעס. דיעזע צושריפטען ווערען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט בעטראַכט אונד ווען עס איז ניט דייטליך שיק איך ארויס אַ פראַגעבויגען וואו מען דארף בעאנטווארטען אללע פראגען אונד צוריק שיקען צו מיר, דאס גיט מיר דיא מעגליכקייט אויסצוגעפינען וואס דאס איז פיר א קראנקהייט, אונד וועלכע מיטלען עס פּאָדערט אונד איך שיק עס ארויס פער עקספּרעס, פערזיגעלט, זא דאס עס קען קיין פערדאכט זיין דאס עס ענטהאלט מעדיצין.

אַבער ביסלעכווייז ווערט דיעזער געפיהל פערשוואונדען און זיי ווע־רען דערוויטערט פון דיא ווירקליכקייט.

אויף אזא ארט ווערט ביי אזעלכע מענער דיא אויפרעגונג דורך פרויען אימער זעלטענער, ביז זיי פערלירען אין גאנצען דיא נייגונג צו זיי. — ווען דאָס גרייכט שוין אויף א הויכע שטופע, דאַן פאנגט אַן דער מאַן צו פיהלען אן אבשטויסענהייט, און זאָגאר ווען ער דער־זעהט א שעהנע פרוי, ווערט עס איהם אזוי איבערדריסיג אז ער בע־קומט אַ האַס צו דעם גאַנצען פרויען געשלעכט.

אזעלכע מענער ציינען ניט ארויס דיעזען געפיהל און היטען זיך ניט אַרויס צו ריידען וועגען דעם אַ וואָרט, ווייל זיי האָבען מורא אז דורך דעם וואס מען וועט וועגען דעם וויסען וועט זיך ארויסצייגען די ריכטיגע אורזאכע דערפון, דאָס הייסט אַז זיי זיינען איבערגעגעבען צו זעלבסט בעפריעדיגונג.

דאָך טראָגען זיי ארום אין זייער הארצען א זאנדערבארע פיינד־שאפט צו פרויען, און וואָלטען וועלען נעהמען ראכע פון זיי.

מיינער א פאציענט שרייבט אין זיינעם א בריעף פאָלגענדעס:

„וואָס איז א שעהנע פרוי?“ און גיעבט באַלד דעם אנטוואָרט:

„בלויז א מאשין פיר דיא געשלעכטליכע פערבינדונג“.

ביי דיעזע מענער ווערען זאָגאר דיא געשלעכטס־ארגאנען פער־ענדערט, זיי פערלירען דיא נאַטירליכע פארמען, און אין זייערע גע־דאנקען ווערט אימער ענטוויקעלט אַ גרעסערע געפיהל פון אבשטוי־סענהייט צו פרויען, און זיי האָבען אבסאלוט ניט קיין וואונש פיר דיא נאַטירליכע בעפריעדיגונג.

אין מיין בוך „דער מענער פריינד“ איז דאָ מעהרערע בעשרייבונ־גען פון אזעלכע מענער, איבערהויפט אין דעם קאַפּיטעל וועגען אונגע־וועהנליכען געשלעכטליכען פערקעהר, (אויף זייטע 40) וואו עס איז

האָט איהר חלומות? פיהרט איהר זיך ניט אויף אין שלאָף פיין? געהט צו דר. לאַנדעס ער וועט אייך פותר חלום זיין.

בעשריעבען וויא מעננער ליעבען זיך אין מענער און שטעלען צופריעדען זייער ליידענשאַפט אָהנע דיא צוזאמענקונפט מיט פרויען.

אויף דיא בולווארען און אנדערע שפּאַציער געגענדען פון דיא גרויסע שטעדט קען מען זעהען מענער וואָס געהען נאָך אַנדערע מענער, זיי קוקען אריין אין געזיכט און זוכען צו פערבינדען א געשפרעך און זאָגאר שליעסען א בעקאַנטשאַפט.

עס עקסיסטירט זאָגאר געוויסע פּלעצער וואו אַזעלכע מענער קומען זיך צוזאַמען, א מין העדקוואַרטערס, זיי וויסען אַז יעדער פון זיי איז געקומען בעגעגענען זיך מיט זיינעם א גוטען פריינד אדער א געליעבטען, דאָך שעהמען זיי זיך איינער פיר דעם אנדערן.

אין Irrenfreund וועלכער איז ערשיענען אין יאהר 1884, שרייבט א פראָפעססאָר:

„וועןן גראף Z. האָט זיך צוא מיר געמעלדעט איז ער אַלט געווען 51 יאָהר, ער האָט מיר דערציילט זיין פערגאַנגענהייט.

אלס יונגער קינד איז ער אריינגעטרעטען אין א מיליטערישע שוהלע, און דאָרט האָט ער געלערענט דיא געוואָנהייט צו זעלבסט בעפריעדיגונג. דאָך איז ער געווען קערפּערליך גוט ענטוויקעלט און האָט געהאַט נאָרמאַלע געשלעכטליכע געפיהלע, אָבער אלס רעזולטאַט פון זעלבסט-בעפריעדיגונג איז ער צו 17 יאָהר געוואָרען אַ ניוראַסטעניק. (אין מיין בוך „דער מענער פריינד" איז דייטליך בעשריעבען וואָס דאָס איז פאר אַ קראַנקהייט). — עס איז א מין שוואַכקייט אין גאַנצען קערפּער.

ער פלעגט צייטענווייז צוזאמענקומען מיט פרויען און צו 25 יאָהר האָט ער געהייראטה. אין א יאָהר שפּעטער האָט זיך דיא ניוראַסטינאַ פערשטארקט, און ער האָט אין גאַנצען פערלאָרען דעם לוסט צו פרויען. אנשטאט דעם האָט זיך אין איהם ענטוויקעלט א נייגונג צו בעפריעדיגען זיך מיט דעם זעלבען געשלעכט, ד. ה. מיט מענער.

עלעקטרישע מאַסאַזש ברייגנען ווירקליך גוטע טהאַטען, דר. לאַנדעס האָט דיא אַלע נייעסטע אפּאַראַטען.

צו יענער צייט איז ער געווען פערמישט אין א קאָנספיראַציאָן געגען דיא רעגיערונג. מען האָט איהם ארעטירט און ער איז געזעסען צוויי יאהר אין געפענגניס און דאן האָט מען איהם פערשיקט אויף פינף יאָהר אין סיביר.

אין פערלויף פון דיא זיעבען יאָהר האָט ער געברויכט זעלבסט בעפריעדיגונג, און דורך דעם איז ער נאָך מעהר אָבגעשוואכט געוואָרן און ער האָט בעקומען א גרעסערע נייגונג צו מענער.

ווען ער איז בעפרייט געוואָרען צו פינף און דרייסיג יאָהר האָט ער אָנגעפאַנגען צו בעזוכען פערשיעדענע קור אנשטאַלטען, און היילונגס פלעצער אום זיך צו רעטען פון דיא ניוראַסטינא, פון וועלכע ער האָט שטארק געליטען.

אין פערלויף פון פיעלע יאָהרען האָבען זיך זיינע אוגעוועהנליכע סעקסואַלע געפיהלע ניט געענדערט, ווייל גרעסטענטהיילס האָט ער געוואָהנט ווייט פון זיין פרוי. עס איז וואהר אז ער האָט איהר געשעצט פיר איהר גרויסען פערשטאַנד און הויכע בילדונג, אבער קערפערליך איז זיא פאר איהם געווען אזוי אבשטויסענד וויא אנדערע פרויען. זיין נייגונג צו מענער איז געווען פלאַטאָניש, פריינדשאפט, ארומ־נעהמען, קוססען, דאָס האָט איהם צופריעדען געשטעלט, אָבער דיא חלומות, אין וועלכע ער האָט געפונען דיא בעפריעדיגונג און וועלכע דאָבען פעראורזאַכט פּאָלוציאָנען, דאָס זיינען געווען מענער.

אויך ביי טאָג פלעגט א שעהנע פרוי ניט מאַכען אויף איהם קיין איינדרוק, וועהרענד א שעהנער קרעפטיגער מאן פלעגט איהם אויפ־רעגען און ער פלעגט דערביי פאָלוצירען, ד. ה. פערליערען זאממען, זאָגאר סטאַטוען פון קרעפטיגע מענער פלעגען אויף איהם האָבען דיא זעלבע ווירקונג.

דער מאן איז געווען העכסט געבילדעט, און האָט פערשטאַנען זיין אונגליק, און האָט געזוכט זיך צו רעטען.

ניט גראָדע א גראַף קען זיך בענוצען מיט עלעקטרישע מאַשינען;
ביי דר. לאַנדעס קען זיך איין ארימער אויך פערגינען.

איך האב דעם פאציענט עקזאמענירט, און האב אויסגעפונען אז ער איז א ניוראסטיניק, אבגעשוואכט פון זעלבסט בעפריעדיגונג, און דיא גאנצע ענטוויקלונג פון זיין שוואכקייט, זאגאר אלע זיינע מאנערען און פיהרונגען זיינען וויא פון געוועהנליכע אנאניסטען.

דיא בעהאנדלונג איז בעשטאנען פון עלעקטרישע מאססאדש. דיעזע בעהאנדלונג איז געוועזן זעהר מיט גרויס ערפאלג. נאך דעם ווי איך האב איהם איינינע מאל בעהאנדעלט מיט עלעקטרישע מאסאזש איז ער געווארען גייסטיג און קערפערליך פיעל בעססער. ווען ער האט גענומען צוואנציג מאל דיא עלעקטרישע בעהאנדלונג האט זיך אין איהם ערוועקט דער געפיהל פון ליידענשאפט, אבער אויף א נאטירליכען ארט, אזוי וויא ער האט געפיהלט ווען ער איז געוועזן אין דיא יאהרען פון 25. ווען עס פלעגט זיך איהם חלום'ען ליידעשאפטליכע חלומות עס איז אימער געוועזן מיט דיא פארשטעלונג פון פרויען.

דאן האט ער ווידער אנגעפאנגען צו לעבען מיט זיין פרוי, מיט דער האפענונג אז ער איז פיר אימער פטור געווארען פון ניוראסטיניא און פון אוננאטירליכע ליידענשאפטליכע געפיהלע. זיין האפענונג איז ערפילט געווארען ווייל פיעלע יאהרען נאך דיא בעהאנדלונג פלעג איך טרעפען דיעזען גראף און האב זיך אינטערעסירט צו וויסען וויא ער פיהלט, און ער פלעגט מיר פערזיכערען אז ער איז א פאלשטענדיג געזונדער מאן.

דאס איז דיא בעשרייבונג פון א גרויסען וויענער פראפעססאר. אין מיין פראקטיק האב איך אויך געהאט דיא ערפאהרונג אז עלעקטרישע בעהאנדלונג איז דער בעסטער מיטעל צו היילען אזעלכע פאציענטען, און דארום געפינט זיך ביי מיר דיא בעסטע, דיא נייסטע

דר. לאנדעס מיטעל איז נויטיג וויא אין קאפ דיא אויגען. דעם שטארקסטען קען זעלבסט בעפרידיגונג בויגען.

און דיא קאָסטבאַרסטע עלעקטרישע אַפּאַראַטען און מאַשינערייען צו היילען אַזעלכע קראַנקהייטען צו וועלכע דיא מעדיצין קען קיין הילפע ניט לייסטען. דיא הונדערטע פּאַציענטען וועלכע זיינען פון מיר קורירט געוואָרען אויף אַזאַ אַרט קענען דאָס בעשטעטיגען.

אויב איהר האָט נאָך ניט געלעזען דעם „מיינער פריינד" און דיא „הייראַטה" זייט איהר ניט צווישען דיא וואָס האָבען נעהאַט דיא גרעסטע נוטצען פון לעזען ביכער. עס ערקלעהרט דעם מענשען פיעלע זאַכען וואָס איז איהם געווען א געהיימניס.

ווען דאָקטאָר לאַנדעס זאָל פון אייער קראַנקהייט וויסען קענט איהר ערשט לעבען — לעבען און געניסען!

דער סעקרעטער עמפפאנגט דעם פאציענט,
און ציינט איהם וואו ער דארף געהן.
יעדער קראנקער ווערט ריכטיג געטענט
און קורירט פון דר. לאנדעס אליין.

דר. לאנדעס אדרעססע איז: 140 איסט 22טע סט., ניו יארק.

14טער קאַפּיטעל.

וואס פיר א ווירקונג זעלבסט בעפריי־דיגונג מאכט אויף דעם מענשען.

אויסער דעם וואָס זעלבסט בעפריעדיגונג צושטערט אַלע קער־פּערליכע אברים, ווערט אויך דורך דעם צושטערט דער גייסט און דער געדאַנקען, ווייל עס עקסיסטירט אין דעם מענשען איין האר־מאָנישע און סימפּאַטישע פערבינדונג צווישען דיא מאָראַלע געפיהלע און דיא קערפּערליכע סיסטעם און דארום ליידען איינע פיר דיא זינד פון דיא אנדערע.

דער בעריהמטער פראַנצויזישער דאָקטאָר פאַרניער בעשרייבט דעם אונטערשיעד וואָס פיר א ווירקונג עס מאכט אויף דעם מענשען דיא זעלבסט בעפריעדיגונג אָדער דיא נאַטירליכע צופריעדענשטעלונג. ער זאָגט:

ווען מען פערגלייכט דיא ווירקונג פון זעלבסט בעפריעדיגונג און פון דיא בעפריעדיגונג אויף א נאַטירליכען אַרט, קען מען זעהן אז וועהרענד אין דיא מיסברויך פון נאַטירליכע לוסט־צופריעדענשטעלונג איז דאָ א געפאַהר, דאָך איז דיא געפאַהר פיעל גרעסער אין דיא זעלבסט בעפריעדיגונג, ווייל דאָס ווערט אָפטער ווידערהאָלט, און ווען דאָס ווערט א געוואָהנהייט, דאַן קען זיך שוין דער מענש נים בע־הערשען און ער ווערט א שקלאַף פון דיעזע שענדליכע געוואָהנהייט.

ווען א מענש גיט זיך איבער צופיעל צו ליידענשאַפט, דאַרף ער אימער ווארטען ביז עס קומט דאַצו א פּאַסענדער מאָמענט, און אַלע אומשטענדע זאָלען זיין גינסטיג דאַצו, וועהרענד צו זעלבסט בעפריע־

וואס טויג דער מענש ווען ער קען זיין פערשטאַנד פערלירען?
דר. לאַנדעס קען אַזעלכע פעלע שנעל קורירען.

דיגונג דארף ער ניט זוכען קיין געלעגענהייטען, און דערפאר אליין איז שוין דיא געפאהר גרויס.

דער פאקט אליין וואס דער אנאניסט אנערקענט אז ער איז א שקלאף פון זיין געוואהנהייט, און דאס ער קען ניט געפינען קיין צופריעדענהייט אין דיא געגענווארט פון פרויען, איז גענוג אורזאכע וואס עס האלט איהם אפ פון ווידערשטעהן געגען זיין געוואהנהייט און זיך צוגעוואהנען צו פיהרען א לעבען אויף א נאטירליכען ארט.

צו זיין אימשטאנדע פאלשטענדיג פארצושטעלען דיא ווירקונג וואס זעלבסט־בעפריעדיגונג מאכט, אויף'ן מענשליכען קערפער און גייסט, דארף מען זיך פארשטעלען א מאן וואס איז פאלשטענדיג געזונד גייסטיג און קערפערליך, און איז פריי פון אירגענד וועלכע שלעכטע געוואהנהייטען אדער שרעקליכע פעהלערן. אויך מוז מען נעהמען אין אנבעטראכט דיא יאהרען, דעם עלטער פון דעם מאן אין וועלכען ער האט אנגעפאנגען דיעזע שרעקליכע געוואהנהייט וואס האט איהם אנגעפאנגען צו רואינירען.

אין דיא יוגענד איז דיא זעלבסט־בעפריעדיגונג מעהר געפעהר־ליך אלס אין דיא יאהרען ווען דער קערפער איז פאלשטענדיג ענט־וויקעלט, און דער מאן בעזיצט פאלקאמען דיא פיזישע קראפט.

אין דיא שפעטערע יאהרען, ווען מיר געהען אראפ בארג פון לעבען, אויף דער עלטער, איז דיעזער מיסברויך ניט וויניגער גע־פעהרליך אלס אין דיא יוגענד. אין מאנכע בעציגע איז עס נאך ערגער, ווייל דאן איז דיא קראפט פון ווידערשטעהן שוואכער, דיא קרעפ־טען זיינען וויניגער און ווערען גיכער אבגעשוואכט און ערשעפפט אלס אין דיא יוגענד.

ביי אנאניסטען — דיא וואס געברויכען זעלבסט־בעפריעדיגונג — ווערען ענטוויקעלט אזעלכע שפאזמס און אנדערע נערוועזע פעה־לערן, וואס זאנסט וואלטען אזעלכע מענשען מיט א געזונדען קער־

וואס טויג דער וועלכער מוז פון שלעכטע חלומות ליידען?
דר. לאנדעס קען דאס אלעס גיך פערמיידען.

פערליכען צושטאנד געקענט וויעדערשטעהען. מען קען מערקען ווי אין פערלויף פון א געוויסע צייט ווערט דער קערפער צושטערט אין אלע טהיילען. דאך ווערען מאנכע טהיילען פון קערפער מעהר צושטערט, און שנעלער פערוועלקט וויא אלע אנדערע טהיילען.

דער אפפער פון זעלבסט-בעפריעדיגונג פערליערט אין גאנצען דיא פרישקייט, לעבעדיגקייט און אויפריכטיגקייט, און אנשטאט דעם קומט דער טעמפער, בלאנקער, אבגעלעבטער צושטאנד, וואס ווערט אימער ערגער און מיט דער צייט אזוי שלעכט אז עס איז שרעקליך צוצוזעהן. דיא אויגען פערלירען זייער גלאנץ און לעבעדיגקייט. זיי ווערען מאט און מערקען ניט מיט אזא אויפריכטיגקייט וויא בעפאר. עס איז אין זיי ניט צו מערקען דעם אינטעליגענטען בליק. דיא אויגען קערן זיך אפ מיט א זאנדערבארע אבשטויסענהייט. אלע געזיכטציגע ווערען פערענדערט און דער גאנצער אויסזעהן איז אזא וואס דריקט גאר ניט אויס. בלויז מען קען מערקען אז דיא פערזאן שעהמט זיך צו קוקען אימעצען גלייך אין געזיכט, און ווען ער וואגט עס יא אמאל צו טהון, ווערט ער באלד רויט פאר שאנדע. ער פערשטעהט אינסטינקטיוו אז דער זייטיגער מענש מערקט אויף איהם אז דאס בלום פון לעבען איז ביי איהם פערוועלקט געווארען דורך דעם וואס ער בעגעהט זינד געגען דיא נאטור.

צו דיא ענדערונג פון אויסזעהען קומט נאך דיא אבשוואכונג פון דיא מוסקלען, א שווערינקייט צ בעוועגען דעם קערפער, א שוואכקייט אין דיא אינטעלעקטועלע אייגענשאפטען, דער געדאנקען ווערט טעמפער, דאס פערדויאונגס סיסטעם איז ניט אימשטאנדע צו פערדויען דאס עסען, דער אפעטיט ווערט קלענער, אז אפטע הארץ קלאפעניש, דיא ענדערונג אין דעם אלגעמיינעם כאראקטער ווערט פון טאג גרעסער, דיא מעלאנכאלי שטארקער, דיא נייגונג צו איינזאמקייט מעה-

---

ווילט איהר מענער וואקסען פעסט, און שלאנק ?
קומט צו דר. לאנדעס ווען איהר ווערט קראנק.

דער און דיא אלע סימפטאמען קענען אויף פארשטעלען וואס דיא זעלבסט־בעפריעדיגונג מאכט פון א מענשען.

ווען דער מענש וואס האט געהאט דאס אונגליק צו ווערען א שקלאף פון דיא שוידערליכע געוואהנהייט, קומט צום שכל אין דער צייט, דאן איז נאך ניט אלעס פערלארען. דיא שאדען וואס ער האט געבראכט צו זיין קערפער קען פעררינכט ווערען. דורך גוטע לופט, געהעריגע נאהרונגס מיטלען, רוהע פון קערפער און געדאנקען און דיא ריכטיגע בעהאנדלונג פון א ספעציאליסט קען ער קומען צו זיינע פריהעריגע קרעפטען און ווערען א פאלשטענדיג געזונדער מענש. אבער ווען דער פאציענט קען זיך ניט בעהערשען, און נאכדעם וויא ער איז קורירט געווארען, פאנגט ער ווידער אן צו געברויכען זיין פריהעריגע געוואהנהייט, דאן וועלען דיא אלע דערמאנטע סימפטאמען צו איהם ווידער קומען און וועלען פערניכטען זיין קערפער נאך מיט מעהר שנעליגקייט וויא פריהער.

צום ביישפיעל, ווען דער וואס געברויכט זעלבסט בעפריעדיגונג האט א נייגונג צו היסטעריא, דיא פאלינג, שווינדזוכט אדער סקראפול, און ווען דיא נייגונג איז זאגאר א גאנץ קליינע, אומבעדייטענדע, וועט דיא זעלבסט בעפריעדיגונג דאס ענטוויקלען אויף דיא העכסטע שטופע און וועט ענטוויקלען דיא קראנקהייט אויף אזא ארט אז עס וועט זיין אונמעגליך דאס צו קורירען. איבערהויפט קען מען דאן זעהען מיט וואס פאר א שנעליגקייט דיא קראנקהייט ענטוויקעלט זיך.

ווען דיא ווירקונג פון זעלבסט־בעפריעדיגונג שטייגט אויף א העכערען גראד, דאן ענדערט עס דעם פיזישען צושטאנד פון קערפער און עס גרייט צו א וועג צו שווינדזוכט, אויסצעהרונג. דיא טעמפעראטור פון קערפער פערליערט דיא ריכטיגע ווארימקייט, און דער מענש פאנגט אן צו ליידען זאגאר פון דיא ענדערונגען פון וועטער, אדער פון דיא אונבעשטענדיגקייט אין דיא אטמאספערע. און פון דעם

דר. לאנדעס קען היילען יעדען קריפעל און קאליקע,
זאגאר דעם יעניגען וועלכער האט דיא פאליגע.

וואָס דיא אַטמאָספּערע ווערט ווארעמער און קעלטער ווירקט עס אויף דעם פּאציענט און ער ליידעט דורך דעם פון פיעבער.

אויסער דעם וואס דיא קרעפטען ווערען שוואכער, ווערען אויך דיא בעוועגונגען שווערער און יעדער ריהר אָדער יעדער קעהר קומט אָן מיט שווערינקייטען און מיט שמערצען.

דיא צושטערונג פון דיא נערוועז קומען אָן דאן ווען דיא מוסקו־לען פערליערען זייער קראפט. מען איז ניט אימשטאנדע צו שטעהען פעסט אויף דיא פיס, און דער גאנג איז ניט קיין זיכערער. דיא הענד און דיא פיס טרייסלען זיך און דיא אויגען זיינען ניט אימשטאנדע צו זעהען אזוי שארף וויא בעפאָר. מען קען ניט שלאָפען אָדער מען איז אימער פערשלאָפען און ווען מען דרעמעלט איין האָט מען אונרו־היגע שלעכטע חלומות און מען כאפט זיך אויף מיט שרעק. — דאָס איז דער צושטאנד פון דעם מענשען ווען דיא ווירקונג פון זעלבסט־בע־פריעדיגונג האָט געגרייכט דעם צווייטען גראד, און ווען דאָס שטייגט נאָך העכער דאן פיהלט מען א שטענדיגען שרעק, אומעט, זאָרג און דאָס פיהרט צו א מעלאנכאָלי. דיא געדאנקען ווערען טעמפּ, מען גע־דיינקט ניט וואס עס האָט פאסירט מיט א ווייילע פריהער. דער פער־שטאנד צו אורטהיילען אָדער זאגען א מיינונג וועגען א וויכטיגען גע־גענשטאנד איז א זאך דער אונמעגליכקייט. דער מאָראלער צושטאנד פון מענשען פאלט גאנץ ניעדעריג. און דער ליידענדער געפינט זיך אין א פערלארענעם צושטאנד.

מען דארף ניט פערגעסען אז דיא געשלעכטליכע אָרגאנען ליידען אויך זעהר פיעל פון זעלבסט־בעפריעדיגונג. זיי פערלירען זייער נאַ־טירליכע פאָרמען, און ווערען אָבגעשוואכט. זאממען פערלוסט גאָר אָהן אירגענד וועלכע אויפרעגונג ווערט אימער אָפטער און אָפטער, און דאָס העלפט נאָך מעהר אָפּשוואכען דעם קערפּער, און מיט דער צייט ווערען דיא געשלעכט אָרגאנען אויף אזוי פיעל אָפּגעשוואכט אז

האָט איהר א זוהן מיט ניט קיין ענטוויקעלטען פערשטאנד?
גיט איהם איבער אין דר. לאנדעס האנד.

דיא ליעבע

דיא ליעבע איז אלט און גרויס וויא דיא וועלט. דיא ליעבע איז אזוי ליכטיג אנגענעהם וויא דער גן עדן און איז אזוי פינ־סטער און שמערצליך וויא דער גיהנים.

זיים מענשען עקזיסטירען האבען זיי געליעבט. דיא ליעבע איז פערשיעדען אין אללע צייטען. אין אללע לענדער און קלימאטען. אין דיא ווארעמע לענדער פון עקוואטאר—אין אינדיען, אין צענט־ראל אפריקא, אין ציילאן א. ז. וו. ליעבען קינדער פון 8 9 יאהר מיט דיא חייסעסטע ליידענשאפט, אין דיא קאלטע לענדער פון דער נארטה ענטוויקעלט זיך דיא ליעבע אין איהר פולען מאכט ערשט דען ווען א מאנן אדער א פרוי ווערען אלט 18—20 יאהר.

אין דיא ווילדע מדינות פון אויסטראליען איז דיא ליעבע ביי מענשען זעהר ווילד און גראב. דער מאנן פאַנגט א פרוי אדער ער קויפט אונטער איהרע עלטערען זיי זאלען איהר אפגעבען פאר אַן אייבינע שקלאפין און קיין איינער פרעגט ניט אויב דיא פרוי וויל איהר בעשערטען אדער ניט.

דער בוך „דיא ליעבע" איז פאר זיך זעלבסט א גאנצע היס־טאריע פון דער מענשהייט. איהר זעהט אין דיעזע ווערק דעם מענשען, ווען ער לויפט נאך ארום א ווילדער נאקעט און בארפוס אין דיא וועלדער און פעלדער און איהר זעהט איהם אין זיין יעצטיגען הויכען ציוויליזירטען צושטאנד.

„דיא ליעבע" וועט אייך איבערציינען, אז זאגאר דיא העכסט ציוויליזירטע איינוואהנער פון אייראפא און אמעריקא פערשטעהן אויך זעהר זעלטען וויא צו בענוצען זיך מיט'ן געפיהל, וואס עס איז אונז אראפגעשיקט געווארען פון הימעל צו בעלויכטען אונזער וועג אויף דיא זינדיגע ערד.

דר. לעאנארדס לאנדעסעס 5טער בוך, וואס ער שרייבט אין אידיש וועט זיין „דיא ליעבע".

זיי זיינען ניט אימשטאנדע צו ערפילען זייערע פפליכטען אויף א נאַ־טירליכען ארט.

איבערהויפט איז דיא זעלבסט בעפריעדיגונג שעדליך ווען א יונגע פאנגט דאס אן צו געברויכען אין דיא יאהרען ווען זיין קער־פער האלט זיך אין ענטוויקלען, ווייל דאס צושטערט די ענטוויקלונגס קראפט, עס לאזט ניט דעם קערפער זיך אויפבויען וויא געהעריג, און דארום בלייבען פיעלע מענשען קערפערליך, קליינע, שוואכע, און זאָ־גאר מיט פעהלערען אין פערשיעדענע טהיילען פון קערפער.

אין מאנכע פעלע ווירקט די זעלבסט בעפריעדיגונג אזוי שטארק אז עס פיהרט צו משוגעת, און עס דויערט ניט לאנג ביז עס ווערט פון א בליהענדען, קרעפטיגען מענשען, א וואהנזיניגער.

פאליגע איז אויך איינע פון דיא פאלגען צו וועלכע זעלבסט־בע־פריעדיגונג פיהרט. עס צושטערט דעם גאנצען בעכאניזם פון קערפער, אז עס איז מעהר ניטא אין דעם מענשען קיין ריכטיגע סיסטעמאטישע טהעטיגקייט. עס געפינען זיך בעריכטען פון פארשער, וועלכע צייגען אן אז זיי האבען אין זייער פראקטיק געהאט פאציענטען וועלכע האָ־בען געהאט אטאקען פון פאליגע נאך יעדעס מאל וואס זיי האבען זיך צופריעדענגעשטעלט אויף א אוננאטירליכען ארט.

צימערמאן בעשרייבט וועגען זיינעם א פאציענט וואס האט גע־האט דיא פאליגע אזוי לאנג וויא ער האט געברויכט זעלבסט־בעפריע־דיגונג, און ווען ער האט עס אויפגעהערט צו געברויכען, האט ער מעהר ניט געהאט קיין אטאקען פון דיא פאליגע. מיט א צייט שפעטער האט ער ווידער אנגעפאנגען צו געברויכען זעלבסט־בעפריעדיגונג און ער האט ווידער בעקומען דיא פאליגע, אבער אויף א שטארקערען ארט און ער איז דערפון געשטארבען.

די אינטעלעקטועלע און גייסטיגע צושטענדע פון מענשען ליידען גראדע אזוי פיעל וויא דער קערפערליכער ארגאניזם.

האט איהר א פריינד וואס האט זיין לעבען פערוויסט?...
שיקט איהם צו דר. לאנדעס דעם ספעציאליסט.

דאָקטאָר פאגעל האָט געהאט א פאציענט וועלכער איז געוועזן מיט א פאלשטענדיג געזונדען פערשטאנד, און מיט דער צייט איז ער פון זינען ארונטער דורך דעם וואס ער האָט אָנגעפאנגען צו געברוי־כען זעלבסט בעפריעדיגונג.

אין דיא ליסטע פון מיינע פאציענטען געפינען זיך אייניגע אידיאָטען, אנדערע זיינען אין גאנצען אונפערשטענדיג און ריידען זעהר ווענינ. איבערהויפט איז געוועזן איינער צווישען זיי וואס האָט כמעט גאָר ניט גערעדט, און פלעגט צומאכען דיא אויגען ווען אימיצער פלעגט אויף איהם א קוק טהאָן. ער האָט געהאט א געוואָהנהייט צו בעוועגען מיט דיא פינגער אָדער רייסען א שטיקעל פאפיער אין א טויזענד קליינע שטיקעלאך. זיין געזיכט איז אימער געוועזן בלאסס, און ער האָט געוואוסט וואס עס האָט איהם געבראכט צו אזא צו־שטאנד, דאָך פלעגט ער ניט בערפעהלען קיין טאָג אָדער קיין נאכט זיך צופריעדען צו שטעלען אויף א אונגאטירליכען ארט.

נאָך א פאציענט האָב איך געהאט וועלכער איז געוועזן אין אזא צושטאנד וואס האָט זיך ניט געקענט בעהערשען און האָט ניט געהאט קיין רעספעקט פיר זיינע עלטערען אָדער זיינע שוועסטער. ווען מען האָט איהם צו מיר געבראכט איז ער געוועזן אזוי אונפערשטענדיג וויא א ריכטיגער אידיאָט. ער האָט ניט געדיינקט וואס עס איז מיט איהם פאָרגעקומען אין דיא פערגאנגענהייט, און אלע אינסטינקטען פון מענ־ליכע געפיהלען האָט ער שוין ניט געהאט. ער האָט זיך אויך געשעהמט צו קוקען אימיצען אין דיא אויגען.

זיי פערשטעהען אז מען קען אויף זיי דערקענען דיא פאָלגען פון זייערע טהאטען. זיי ווייכען פון געזעלשאפט, און פערשטעהען אז דורך דעם מסר׳ן זיי זיך אליין, און זיי מיידען אויס יעדען פלאטץ וואו עס געפינען זיך מענשען. זייער געדאנק און זייער געוואָהנהייט איז שוין אזוי פערשקלאפט אז דער ווילען קען קיין דעה ניט האָבען. אזוי

צו רעטען דיא מענשען פון וועהטאָג פון שאַנדעם
האָט זיך געווידמעט דער העדר דאָקטאָר לאנדעם.

וויא אַ פערברעכער וואס האָט מורא צו געפינען זיך צווישען מענשען און זוכט נור צו זיין אליין, אזוי איז דער אַנאַניסט.

דיא אונזיכערהייט מיט וועלכע ער רעדט און דאָס שטענדיגע בע־האַלטען זיינע געדאנקען און זיינע טהאַטען ברייננט איהם אז ער זאָל דעם צווייטען ניט גלויבען, און דיינקט אז יענער איז אזוי וויא ער, וואס האָט ניט קיין מוטה צו ריידען דיא וואהרהייט, דרייסט און מוט־היג. און דאדורך וואס ער געטרויט קיינעם ניט, גלויבט ער מעהר זיך אליין, און דאָס ברייננט איהם דערצו אז ער ווערט אַן עגאָאיסט, אייגען ליעבע ווערט אזוי שטארק איינגעווארצעלט ביי אזעלכע מענשען אז עס פיהרט מאנכעס מאָל צו דיא שרעקליכסטע טהאַטען.

אז אַנאַניזם ברייננט צו משוגעת איז קיין צווייפעל ניט, דיא גרויסע געלעהרטע וואס גיעבען זיך אָפּ מיט דעם שטודיום וועגען דיעזען געגענשטאַנד, זיינען איינשטימיג אין דעם. פּראָפעסאָר ערלינגער בעהויפּטעט אז לויט זיינע אונטערזוכונגען האָט ער אויסגע־פונען אין דעם ווינטערבערגער משוגעים הויז אכציג פּאציענטען, וועלכע זיינען אהין געבראכט געווארען דורך דיעזע שרעקליכע גע־וואָהנהייט.

די געוואָהנהייט פון זעלבסבעפריעדיגונג ענטוויקעלט אין דעם מענשען פערשיעדענע אַרטען משוגעת וויא מעלאַנכאָלי, מאַניאַ, זעלבסטמאָרד, תמ׳עוואטע און אין מאנכע פעלע פּאראַליזירט עס דעם געדאַנקען. (לעזט אין דעם „מענער פריינד" וועגען דעם צו וואָס זעלבסט בעפריעדיגונג קען ברייננען אַ מענשען).

קירצליך וועט ערשיינען אַ נייעס ווערק „דער מענש" דאָס איז אַ בוך וואָס יעדער מענש מוז לעזען.

געהט ניט צו אַ דאָקטאָר וואָס האָט בלויז אַ טיטעל
קורירט אייך ביי אזעלכען וואָס האָט אויך דעם מיטעל

15טער קאַפּיטעל.

אנאַניזם צווישען קראַנקע וואָס האַלטען ביין געזונד ווערען.

פּערוואונדעטע אויף'ן שלאַכטפעלד און קראַנקע אין דיא האָספּיטעלער.

דער בעריהמטער פראַנצויזישער דאָקטאָר פאַרניער האָט פער־בראַכט פיעל צייט אין דיא שטודיאום פון דיא ווירקונג פון זעלבסט־בעפריעדיגונג צווישען קראַנקע און פערוואונדעטע, און איז געקומען צו דיא איבערצייגונג אַז אין פיעלע פעלע ווערט דער קראַנקער א סאַך ערגער, דורך דעם וואָס ער געברויכט זעלבסט־בעפריעדיגונג, זאָנסט וואָלט ער בעדאַרפט בעסער ווערען. ער בעהויפּטעט דאָס עס האָט גע־טראָפען דאָס א פּאַציענט וואָס האָט געהאַלטען ביין געזונד ווערען איז פּלוצלונג געוואָרען ערגער, און עס האָט פערניכטעט דאָס וואָס דיא פאַרזיכטיגע בעהאַנדלונג פון דאָקטוירים האָבען פערבעסערט אין צייט פון איינינגע מאָנאַטען. וואָס איז געווען דיא אורזאַכע דערפון? — אַלץ דיא שרעקליכע זעלבסט־בעפריעדיגונג!

אין דיא בעריכטען פון דיא מיליטערישע האָספּיטעלער פון דיא לעצטע קריעג צווישען יאַפּאַן און רוסלאַנד געפינען זיך זאָנדער־באַרע בעשרייבונגען. אויך אין דיא קריעג צווישען דיא ענגלענדער און דיא בורען.

דאָ וועל איך ברייננגען איין פאַל אַלס ביישפּיעל:

א יונגער אַרטילעריסט איז פערוואונדעט געוואָרען אין פוס, ביי

דר. לאַנדעס וואָרנט יעדען קראַנקען זיך ניט אויפצורעגען דורך לײדענשאַפטליכע געדאַנקען.

דיא שלאַכט פון פּאָרט אַרטהור. עס האָט זיך געפאָדערט ארויסצונעהמען דיא קויל. מען האָט איהם געבראַכט אין האָספּיטאַל, און נאָך איינינע צייט בעהאַנדלונג איז ער בעסער געוואָרען, און מען האָט שוין גערעכענט איהם ארויסצולאָזען פון האָספּיטאַל.

איין פריהמאָרגען, ווען דער דאָקטאָר האָט אונטערזוכט דיא פּאַציענטען און איז צוגעגאַנגען צו דעם יונגען אַרטילעריסט, — האָט ער איהם מיט בעוואונדערונג אָנגעקוקט, דער דאָקטאָר האָט אין איהם געזעהען אַ זאָנדערבאַרע ענדערונג. — ער האָט איהם זעהר פּאָרזיכטיג אונטערזוכט אום אויסצוגעפינען דיא אורזאַכע וואס עס האָט אַזוי געענדערט דעם צושטאַנד פון פּאַציענט. וועלכען זיי האָבען שוין גערעכענט פיר בייגאָהע אַ געזונדען, ענדליך איז דעם דאָקטאָר געלונגען צו ענטדעקען אַ פלעק אויף דעם אָרט וואו עס איז געוועזען דיא וואונד.

אין אָנפאַנג האָט דער פּאַציענט געזאָגט אַז ער ווייס ניט ווארום ער איז מיט איין מאָל ערגער געוואָרען, נאָכהער האָט ער דערצעהלט אַז ער האָט דיא נאַכט איינינע מאָל געברויכט זעלבסט בעפריעדיגונג. דיא וואונד איז געוואָרען ערגער און אין צייט פון אַכט טאָג איז ער געשטאָרבען.

אין דיא פראַנצויזישע אַרמעע האָט אין יאהר 1811 ארויסגעבראַכען אַן עפּידעמיע פון אַ פיעבער קראַנקהייט. עס האָט זיך דאַן ארויסגעצייגט אַז דיא אָנאַניסטען איז געווען פיעל שווערער צו היילען אַלס דיא אַנדערע סאָלדאַטען.

גייסטיגע קראַנקהייטען ענטוויקעלט זיך זעהר אָפט אין דיא לאַגערן פון דיא סאָלדאַטען, און דאָס איז דאַדורך ווייל צווישען דיא סאָלדאַטען איז דיא זעלבסט בעפריעדיגונג זעהר פערשפּרייט.

ווען איינער קומט דורך דיעזען געברויך צו דעם צושטאַנד פון אַן אידיאָט, ענטוויקעלט עס אין איהם אויך דיא פּאַליגע, און ער

אום דיא קראַנקהייט אין געזונדהייט צו פערוואַנדלען, דאַרף מען בעטען דר. לאַנדעס זאָל בעהאַנדלען.

וויא ווייט פאפולער דיעזע מעכאהדע איז קען מען זעהן דער פון דאס אין דיא זיד אפריקאנישע קריעג האט מען אין דיא האספי־טעלער פון דיא ענגלישע ארמעע זיך בענוצט מיט עקס ריי, אום אויסצוגעפינען וואו דיא קוילען געפינען זיך ביי דיא פערוואונדעטע. דאס לעבען פון הונדערטע סאלדאטען זיינען אין יענע קריעג גערעטעט געווארען דורך דעם וויל מען האט בענוצט דיעזען מיטעל.





וויא אזוי מען אונטערזוכט מיט דיא עקס ריי מאשינע, אום צו זעהן וואס עס טהוט זיך אין קערפער.

ווערט מיט דער צייט אין גאַנצען תמ'עוואטע היפאַכאָנדריא. קאָטע־לעפּסי און עקסטאַזי זיינען אויך פון דיא דריי קראַנקהייטען צו וועלכע זעלבסט בעפריעדיגונג בריינגט. און דיא אַלע קראַנקהייטען פיהרען, אין מאַנכע פּעלע, צו זעלבסט־מאָרד.

ביי מאַנכע ווערט פּאַראַליזירט טהיילען פון דיא מאַרך און זיי בעקומען פערשיעדענע מאַניעס וועלכע זיינען אונהיילבאַר.

דיא דאָקטוירים אין דיא מיליטערישע האָספּיטעלער, האָבען דיא גרעסטע שוויריגקייטען אין צייט פון קריעג, צו היילען דיא פער־וואונדעטע. מען קען קיין מאָל ניט זיין זיכער ווען דיא פּאַציענטען וועלען ארויס פון האָספּיטאַל, וויל דורך דעם געברויך פון דיא אונ־גליקליכע געוואָהנהייט, ווערען זיי ערגער, און דאַן דאַרף מען אָנהויבען פון דאָס ניי צו קורירען.

ניט נור צווישען דיא מיליטער אַליין הערשט דיא שרעקליכע זינד געגען דיא נאַטור, וואס הינדערט דיא קראַנקע געזונד צו ווערען, נור אויך צווישען דיא ציווילע קראַנקע הערשט דיעזע געוואָהנהייט, און אין דיא האָספּיטעלער פון אַלע גרויסע שטעדט געפינען זיך אַזעל־כע פּאַציענטען וואס האַלטען אין איין בעסער ווערען או, ערגער ווע־רען, און דאָס בריינגט דיא דאָקטוירים פיעל מיה און אונאַנגענעהמ־ליכקייט.

זייענדיג אין דיא ניויאָרקער האָספּיטעלער, האָב איך געמאַכט אַ שפּעציעלע שטודיאום פון אַזעלכע פּאַציענטען. דאָס אינטערעסאַנט־דערביי איז, דאָס דער פּאַציענט פיהלט אַז דורך דיעזע האַנדלונג ווערט ער פיעל ערגער און דאָך טהוט ער עס. ווען מען רעדט זיך מיט איהם דורך וועגען דעם און מען ערקלעהרט איהם דיא געפאַהר דער־פון, וועט ער פערשפּרעכען אַז פון יעצט אָן וועט ער שוין מעהר ניט בעגעהען קיין זינד געגען דיא נאַטור, און וויא דער דאָקטאר פער־לאָזט איהם טהוט ער ווידער דאָס זעלבע.

דר. לאַנדעס אַדרעסע פערגעסט נאָר ניט :

140 איסט 22טע סטריט.

דורכמאַכענדיג דיעזע שטודיאום און דיא בעאָבאַכטונגען אין די פיעלע יאהרען וואָס איך בין געווען פערבונדען מיט דיא ניויארקער האָספיטעלער, האָט מיר דיא פּראַקטיק געצייגט אז דורך רייד און ער־קלעהרונגען קען מען דעם פּאַציענט ניט אָפּגעוואָהנען פון דיא זייטען וועלכע האָבען זיך אין איהם איינגעווארצעלט אין פערלויף פון א לאַנגע צייט. דיא רייד און ערקלעהרונגען מעגען זיין וויא לאַגיש, מאַכט עס בלויז איין איבערפלעכליכען איינפלוס אויף דעם פּאַ־ציענט, און אום צו ערדייכען א ריכטיגע ווירקונג מוז מען זיך בענוט־צען מיט א ספּעציעלע בעהאַנדלונג, וואס זאָל ווירקען אויף דיא גאַנצע נערוועז סיסטעם פון דעם פּאַציענט. א בעהאַנדלונג וואס זאָל בריינ־גען דעם פּאַציענט צו אַזא שטאַנד אז ער זאָל קענען פאָלגען זיין איי־גענעם שכל, ער זאָל קענען האָבען איבער זיך א דעה, א בעהאַנדלונג וואָס זאָל בריינגען דעם פּאַציענט צו אַזאַ שטאַנד וואס זאָל אין איהם ענטוויקלען א נייגעריגקייט זיך צו אינטערעסירען מיט דיא וועלט אין אלגעמיין, ניט נור וועגען זיך אליין, און דאָס איז דער איינציגער מיטעל וויא אזוי צו בריינגען א פּאַציענט צו דעם שטאַנד אז ער זאָל קענען אוועק וואַרפען זיין שלעכטע געוואָהנהייט.



דר. לאַנדעס ציעל וואָס איהם טרייבט צו שרייבען;
ער וויל דעם אַנאַניזם פון דער מענשהייט פערטרייבען.

16טער קאַפּיטעל.

שלוסס.

עס איז געווען א שווערע אויפגאַבע צו שרייבען אזא ווערק. ניט דערפאַר ווייל עס איז דאָ ווייניג מאַטעריאַל דאצו, ניין. עס איז געווען שווער דערפאַר ווייל עס איז דאָ וועגען דעם זעהר פיעל מאַטעריאַל, און עס איז נויטהיג געווען אויסצוקלייבען דיא וויכטיגסטע, דיא אינטערעסאַנטעסטע און איבערהויפּט אזעלכע מאַטעריאַל, אזעלכע פאַקטען וועלכע זאָלען קענען ווירקען אויף דעם לעזער. פאַקטען וואס זאָלען איבערצייגען דעם לעזער די געפאַהר וואס עס שטעהט פאַר דעם מענשען ווען ער בעגעהט זינד געגען דיא נאַטור.

דיעזע ווערק האָט אַ געוויסען צוועק, אַ וויכטיגע אויפגאַבע, אזוי וויא אַלע מיינע ווערקע, „דער דאָקטאָר בוך", „דער מענער פריינד", „דיא הייראטה". נור דיעזעס בוך „זינד געגען דיא נאַטור" האָט אַ וויכטיגערע אויפגאַבע, ווייל דאָ ווערט בעהאַנדעלט וועגען דעם גרעסטען פעהלער וואָס מענשען בעגעהען. דאָ ווערט בעהאַנדעלט וויא אזוי מענשען צושטערען זייער אייגענעם געזונד, דעם קערפּער, דעם גייסט. דאָ ווערט אָנגעצייגט צו וועלכע רעזולטאַטען דאָס קען פיהרען.

דיעזעס בוך איז וויכטיג דערפאַר ווייל עס איז אַ ווארנונג, אַ'ן אַלאַרם. עס זאָגט אָן דעם מענשען האַלט ! טהו ניט אזעלכע זאַכען ! זעה וואָס דערפון וועט זיין דער סוף !

אוננאַטירליכע געשלעכטליכע פערבינדונג און זעלבסט בעפריעדיגונג איז פערשפּרייט ביי אַלע פעלקער, און דיא אידען זיינען פון דעם ניט אויסגעשלאָסען.

דר. לאַנדעס ציעל איז דער מענשהייט אויפצוקלעהרען ;
אין צוקונפט פאָלקאָמענע מענשען צו ווערען.

דער חומש און דער תלמוד האָבען פערזאָגט דיא אידען זיך אויפ־צוהיטען פון אוננאַטירליכע געשלעכטליכע פערבינדונגען, און זאָגאַר שטרענג פערבאָטען מיט שווערע שטראָפען.

„ואיש אשר ישכב את זכר משכבי אישה תועבה עשו שניהם מות יומתו דמיהם בם". ווען איינער שלאָפט מיט א מאַן און שטעלט זיך צופריעדען וויא מיט א פרוי, האָבען זיי ביידע בעגאַנגען א פערברע־כען, און זאָלען ביידע געטיידטעט ווערען, ווייל זייער בלוט איז אויף זייא.

זינד געגען דיא נאַטור איז אַזוי אַלט וויא דיא וועלט אַליין, און דארום איז ניט קיין וואונדער וואס משה האָט פאַרגענומען אַזוי שטרענג צו פערזאָגען געגען דיעזע זינד. איבערהויפט אין יענע צייטען און אין דעם קלימאַט וואו דיא אידען האָבען זיך דאן געפונען איז דיא אויפרעגונג פון דיא בלוטען געווען שטאַרקער וויא יעצט און וויא אין אונזערע געגענדען, דארום איז דיא שלעכטע געוואָהנהייטען געוועזן מעהר פערשפרייט.

מען קען אויך מערקען פון משה'ס געזעצען, אַז עס האָט דאַן עקסיסטירט אין עגיפּטען א געוואָהנהייט דאָס מענשען פלעגען צו־פריעדען שטעלען זייערע ליידענשאַפטען מיט טהיערע (ויקרא, קאַ־פיטלען 18, פ. 3, 4, 22, 28) ער האָט שטריינג פערזאָגט דיא אידען אַז זיי זאָלען ניט נאָכטהאָן דיא געוואָהנהייטען פון דיא אַנדערע פעל־קער.

אום מעהר צו ערוועקען ביי דאָס אידישע פאָלק איין אבשטוי־סענהייט און עקעל געגען אַזעלכע שלעכטע געוואָהנהייטען, איז נאָך צוגעגעבען דיא שווערע שטראַפען פון שאַנדע. דער וואס איז גע־ווען בעוואוסט אַז ער איז א פערברעכער געגען דיא נאַטור האָט מען איהם דורך שאַנדע געטריעבען צום טויט.

עס געפינען זיך אויך בעשרייבונגען, אַז ביי דיא עגיפּטער פלעגט

דר. לאַנדעסס וויים: אַז נאָר אויפקלעהרונג קען פיהרען דער מענשהייט; זיך צו קענען קאָנטראָלירען.

אין דיא אלטע צייטען עקסיסטירען מנהגים, דאס אין צייט פון זייער געבעט און גאטעסדיענסט פלעגען זיי עפענטליך בעגעהען דיא שאנדע פון זעלבסט-בעפריעדיגונג.

העכסט אינטערעסאנט זיינען דיא בעשרייבונגען פון זאגיני. אין זיין ווערק „רייזע בעשרייבונגען פון אבער און ניעדער עגיפטען”, געפינען זיך אזעלכע שטוינענדע ערצעהלונגען וועלכע צייגען אויף וויא וויט דיא מענשהייט האט געזונקען, אין דיא געגענדען וואו דער מאראל איז ווייניג ענטוויקעלט.

ער צייגט אויף דיא בעסטיאליטעט פון דיא אראבער און פון דיא נעגער, — אויך דיא עגיפטאנער, וועלכע פלעגען פאנגען קראקאדילען און מיט זיי בעגעהען דיא שמוציגסטע זאכען.

די פאסטוכער אין סיציליען זיינען בעוואוסט אלס אזעלכע וואס שטעלען צופריעדען זייער ליידענשאפט מיט דיא ציגען פון זייערע סטאדעס.

אויף דעם אינזעל געגוא, גיעבען זיך דיא פרויען גערן איבער צו אויסשווייפונג מיט דיא אפפען, און אין פערזיען האבען דאס דיא מענער געטהאן מיט עזלען. שפעטעריגע צייטען איז ענטשטאנען געגען דעם א שווערע שטראפע און מען האט עס וויא וויט מעגליך אויסגעהיט.

דאס אלעס איז א בעווייז וויא נעטהיג עס איז צו שטעהען אויף דער וואך.

עס איז דיא פפליכט פון יעדען דיינקענדען מענשען צו ארבייטען פיר דאס וואהל פון דיא אלגעמיינע מענשהייט און איך בין צופריעדען אז איך בין אימשטאנדע צו טהאן מיין פפליכט.

מענער וועלכע אנערקענען זייער שולד און ווייסען דאס זיי זיינען שוואך און קראנק, ווייל זיי האבען אליין רואינירט זייער קערפער דארפען אין גאנצען דעם מוטה ניט פערליערען, ווייל די וויסענשאפט

קיין מענש דארף ווארטען ביז עס ווערט געפעהרליך
און געהן צו דר. לאנדעס ווייל ער קורירט עהרליך.

16טעס קאפיטעל.

עלעקטרי אלס הייל מיטעל.

נייעסטע ערפינדונג.

דיא אורזאכע פון מיין ערפאלג אין מעדיצין איז ווייל איך בעגנוגען זיך ניט מיט דעם וואס איך האב אמאל געשטודירט, זאנדערן ווייל איך שטודיר שטענדיג דיא נייעסטע ענדעקונגען אונד ערפינדונגען, אונד וויא עס ווערט נור ערפונדען נייע מעדיצין אדער אפאראטען צו היילען קראנקע, עלעקטרישע, כעמישע אדער אנדערע זארטען, קויף איך עס, אונד בענוץ עס צו היילען מיינע פאציענטעז.



דיא מאשינע וועלכע בעוועגט אונד גיבט דיא קראפט צו דיא ילעטרישע אפא־אטען.



איינע פון דיא עלעקטרישע מאשינען אין מיין אפפיס.

געפינט מיטלען געגען אַלעס, און אויב עס איז נאָך ניט צו שפּעט קען מען אַזעלכע ליידענדע העלפען. מען קען זיי זאָגאר העלפען זיך אָבגע־וויינען פון זייערע שלעכטע געוואָהנהייטען, דורך געהעריגע בע־האַנדלונג מיט דיא נייעסטע אפּאַראַטען פון דיא לעצטע ערפינדונ־גען, ווייל אַזעלכע ליידענדע זיינען אין אַלגעמיין אבגעשוואַכט און קענען זיך אַליין ניט בעהערשען, אָבער דורך געהעריגע בעהאַנדלונג ווערט דער מענש קרעפטיגער און זיין דעה איבער זיך ווערט אויך שטאַרקער, דאָס קען איך מיט זיכערהייט בעהויפּטען, ווייל איך ווייס דאָס פון ערפאַהרונג וואָס איך האָב געהאַט מיט מיינע הונדער־טע פּאַציענטען.

דיא וועלכע שעהמען זיך צו קומען און דערצעהלען זייער פער־גאַנגענהייט, קענען שרייבען. אַזוי האָבען געטהון אין אנפאַנג פיע־לע פון מיינע פּאַציענטען, און זיי האָבען בעקומען אַ ריכטיגע הילפע.

אויב איהר ווילט געהאָלפען ווערען, דאַרפט איהר ניט פערבאָר־גען פון מיר אַלעס וואָס מיט אייך האָט פּאַסירט.

דר. לאַנדעס זאָגט: עס איז ניט געזונד און רעכט;
אַז אַ באַי פון 4 יאָהר זאָל שלאָפען מיט׳ן צווייטען געשלעכט.

הייסע, טרוקענע לופט.

דיא בעהאַנדלונג מיט הייסע לופט בלויז אויף אַ טהייל פון קערפּער.

דר. ווייטמאנ'ס בעשליססע וועגען הייסע לופט בעהאנדלונג: טרוקענע הייסע לופט בעזייטיגט שמערצען, אונד עס צושטערט ניט דעם אָרגאַניזם וויא מאנכע מעדיקאַמענטען וועלכע סטאָפּען מיט אמאל דעם ווייטאָג.

מיט געהעריגע בעהאנדלונג אונד דיא ריכטיגע מעדיצינען איז טרוקענע היטץ אַ זיכערער הייל מיטעל. טויזענדע זיינען דורך דעם פאַלשטענדיג געהיילט געווארען, פון דיעזער בעהאנדלונג ווערט איינגעשטילט דיא שמערצען פון גאַנצען נערוועזן סיסטעם. דורך קיין אנדער מיטעל קען מען ניט ערררייכען אזא רעזולטאַט.



דיא בעהאנדלונג מיט טרוקענע לופט.

עלעקטריק-וויבראטינג מאסאזש.

וויבראטינג מאסאזש.

מאססאזש איז אין פיעלע פעללע א גוטער מיטטעל אבער דאס איז זעהר א בע־לעסטיגענדע מעטהאדע, ווייל עס דויערט לאנג. מען מוז קנעטען אונד דריקען דעם קערפער א לאנגע צייט, זאנסטווירקט עס ניט. צו דיעזען צוועק איז ערפונדען געווארען איין עלעקטרישער אפאראט, אונד אנשטאט דעם דעם וואס מען מוז מיט דיא הענד ארבייטען א שטונדע, בעקומט מען דעם זעלבען רעזול־טאט דורך דיעזען אפאראט אין 15 מינוטען. דער פאציענט ווירט ניט מיעד וויא פון האנד מאסאזש אונד עס רעגולירט רעגעלמעס־זיג דיא צירקולאציאן פון דיא בלוטען. דיעזע ערפינדונג איז צום ערשטען מאהל געצייגט געווארען אויף דער פאריזער אויסשטעלונג, אונד [illegible] זיינען שוין געמאכט געווארען פיעלע אויסבעסערונג.

דאקטאר לאנדעס אדרעסע. [illegible] איסט 22טע סטריט, ניער לעקסינגטאן עוועניו. ניו יארק.

דער געהאלפענער.

מיין נאָמען איז אייך דאָך ניט וויכטיג,
נאָר ווייסט ; מיין ערצעהלונג איז ריכטיג.
איך בין אין ישיבה געזעסען,
האָב טעג ביי דיא קלויז לייט געגעסען,
געפעלט א טאָג ? האָב איך געשמאַכטעט,
אין קלויז וויא געטאָגט, זאָ גענאַכטעט.
אָהן אויפהער געלערענט גמרא,
געהיט זיך פאר דעם יצר הרע,
דאָך פלעגט ער אָפט געבען א טאָרע,
און מאכען ניט איין מאָל א צרה.
איך האָב זיך געדארפט פיעל מאָל צאנקען,
מיט מיר זעלבסט, מיט מיינע געדאנקען,
אָט פלעגט זיך מיר וועלען שפאציערען,
וויא אנדערע אויך ראמאנסירען,
וואָס בין איך דען ערגער פון יענע ?
און פארשטעלען פלעגט זיך דיא סצענע,
מען קומט זיך מיט פריילינס צוזאמען,
מען בייט זיך מיט ליעבענדע פלאמען,
דיא קיססע דעם דורשט אָפצוקיהלען,
דעם שמייכעל, דאָס הערץ איינצושטילען.
איך ווייס צוואר דאָס איז שטרענג פערבאטען,
דאָך אַללעס איז גבר דער שטן.
ער מאָהלט מיר א בילד פון א מיידעל,

דר. לאַנדעס אדרעסע פערגעסט נאָר ניט :
140 איסט 22טע סטרים.

פערפיהרעריש, שעהן, מילד און איידעל.
און דאַכט זיך זיא גיט מיר א שרייבען,
פערליהר איך אין גאַנצען מיין שכל.
און פאָלג דעם שטן דעם פרעכען,
און טהו מיט זיך זעלבסט דעם פערברעכען.
עס טראגען מיר טויזענדע שדים,
אין שוהל ערגעץ וואו אויפ'ן ביידים,
מאַך שמוציג דיא דאָרטיגע שמות.
ביי נאַכט קומען ערשט דיא חלומות,
אהן אויפהער זיי ברענען, זיי בראַטען,
און דאָ וויא א קלעק שטעהט דער שטן.
א חברה מאַן, אָה! א געשייטער!
און רעדט מיר איין ווייטער און ווייטער.
איך בילדע איין פרוי אין געדאַנקען,
און מאַרטערד מיין קערפער דעם קראַנקען,
איך ציה אוים מיין מאַרך פון דיא ביינער,
און וויסען דערפון ווייס קיין איינער.
איך פיהל אַז איך הויב אָן צו קריינקען,
בעשלים זיך דערפון מעהר ניט דיינקען,
דאָך וויא נאָר איך לייג זיך אַנידער;
דער שטן ער איז שוין דאָ ווידער,
דער טייפעלשער פאַקטאָר, דער שאַכער,
און איך ווער וואס ווייטער אַלס שוואַכער,
אַלס שלאַפער, אַלס פינסטערער, בלאַסער,
מיין בלוט ווערט מיר שיטער וויא וואַסער
איך בין שוין א מין מרה שחורה,
איך האָב שוין פאַר זיך אַליין מורא,

ווען דו זינדיגסט מיט דיין גייסט, מיט דיינע געדאַנקען;
גיב צו דר. לאַנדעס איבער דיי קערפער דעם קראַנקען.

מיר גיעסען זיך ביטערע טרעהרען,
איך האלטביין משוגע צו ווערען.

* * *

איך בין געפאהרען,
צו פראפעסארען,
איך בין פערקראכען אזש קיין וויען,
איך האב גענומען,
פערברענט מיין גומען,
מיט גיפטיגע פלעשער מעדיצין.
און וואו נאר א דאקטאר,
געהערט וואס זאגט ער,
אין ניויארק אויך, נאר אהן א צוועק!
ביז פון דיא באנדעס,
צו דקטאר לאנדעס,
יא בין איך ענדליך אויך אוועק.
ער האט פערשטאנען,
מיין קריינק, פון וואנען,
זיא איז געקומען און מיט א גרונד;
גענומען היילען.
איך קען דערציילען
מיט פריידע יעצט; איך בין געזונד.
עס דיענען וויעדער,
מיר אלע גליעדער,
וויא איך געווען וואלט קיין מאל קראנק.
איך האב צום וואונדער,
געזונדע קינדער,
און דאקטאר לאנדעס קומט א דאנק.

א בעגריף וויא היטען און פיהרען זיך וועט אייך געבען;
דר. לאנדעס זשורנאל „געזונד און לעבען“

„דער מענש"

דאס איז דער נאמען פון דר. לאנדעס נייע ווערק, וועלכע וועט אין גיבען ערשיינען און וועט איבערשטייגען פיעלעס וואס איז ווען געשריעבען געוואָרען אין אידיש, עס ענטהאלט אללעס וואס איז שייך צו דעם מענשען.

יעדער מענש דארף לעזען דיעזען בוך, ווייל דורך דעם קען ער פיעל ערוייכען אין בילדונג און וויסענשאפט.

דיא טיעפסטע פילאזאפיע און דיא העכסטע וויססענשאפט זעהער פאפולער אויסגעארבייט, אזוי אז יעדער קען עס פערשטעהן, דר. לאנדעס נייעם בוך.

„דער מענש"

וועט מאכען דעם לעזער פיר א פאלקאמענעם מענשען, יעדערער וועט זיך זעהען וויא אין א שפיגעל, און וועט וויססען וואס מיט איהם איז, סיי קערפערליך, סיי גייסטיג.

„דער מענש"

ענטהאלט פאלגענדע ארטיקלען:

די אבשטאמונג פון דעם מענשען,—דארווין און זיין טהעאריע,—דעם מענשענ'ס געביי,—דיא פינף חושים,—דיא מענשליכע ראססען,—אָפּטימיזם און פעססימיזם,—א תענית פון 40 טעג,—ווארום א מענש דארף עססען,—וויא אזוי מען קען ערוייכען א גוטען עלטער.—און נאך פיללע אנדערע וויכטיגע ארטיקלען.

דאס בוך וועט אויך ענטהאלטען שעהנע אינטערעסאנטע בילדער פון גרויסע מעננער, וויא דארווין, שאָפּענהויער און אנדערע, אויך בילדער פון פערשיעדענע מענשען פון אללע טהיילען פון דער וועלט.

„דער מענש"

איז א בוך וואס אין ווערטה אז יעדער מענש זאל איהם לעזען און לערנען.

דיעזער סאלדאט האט געהאט א קויל אין קערפער, אונד דיא מאשינע צייגט דעם פלאטץ וואו דיא קויל געפינט זיך.

איידער מען האט זיך געקענט בענוטצען מיט עקס ריי האט מען געמוזט אויפשניידען דעם קערפער אום דאן זוכען דיא קויל. דיעזע ערפינדונג ווערט בעטראכט אלס די וויכטיגסטע אין דעם שלוסס פון דעם נייצעהנטען יאהר הונדערט.

דיא גרעסטע ערצטע פון דער וועלט האבען אנגענומען דיעזע מעטאהדע אונד בענוטצען זיך מיט דעם אין בעהאנדלען זייערע פאציענטען, אונד

דיא בעהאנדלונג מיט עקס ריי.

האבען דורך דעם עררייכט דעם גרעסטען ערפאלג. אין דיא גרעסטע האספיטאלער פון דער וועלט בענוצט מען זיך מיט דיעזע ערפינדונג אונד דיא איז געווארען א נויטווענדיגהייט.

אָפּעראַציאָן.

עס גיעבט קראנקהייטען וועלכע קענען ניט קורירט ווערען אָהן אָפּעראַציאָן. פּאציענטען וועלכע נויטיגען זיך אין איין אָפּעראציאָן זאלען זיך ווענדען צו מיר, וויל איך בעזיטץ דיא בעסטע אינסטרומענטען, אונד מיין אָפּפיס האט דיא בעסטע איינריכטונגען מיט דיא נייעסטע ערפינדונג וועלכע פאדערט זיך פיר אָפּעראַציאָן.



דער צימםער וואו עס ווערט אָפּערירט.

קראנקע וועלכע וואהנען אין קאָנטרי און ווילען קומען אין ניו יארק זיך לאזען אָפּערירען זאללען האבען אין זינען דאס ווען זיי וועלען זיך ווענדען צו מיר וועלען זיי פּאָזיטיוו בעהאנדעלט ווערען מיט דיא גרעסטע פארזיכטיקייט. מיין גרויסע פּראַקטיק האט מיר געגעבען פיעל ערפאהרונג. דיא פּאציענטען וואס זיינען פון מיר בעהאנדעלט געווארען האב איך צופריעדען גע־

שטעלט אויף דעם בעסטען אַרט אונד קורירט אויף איממער.



דער רום וואו דיא קראַנקע ליעגען.

דיא בעהאנד־לונג נאך דיא אָפּעראציאָן איז גראדע אזוי וויכטיג וויא דיא אָפּע־ראציאָן, ווייל אָן דעם הייננט אָפּ דער צו־שטאנד פון פאציענט אין דער צוקונפט. ווען ער בעקומט נ׳ט דיא ריכט׳גע אויפפאסונג אונד געהעריגע בעהאנדלונג, בלייבט ער אבגעשוואכט אונד מאנכעס מאל א קריפעל אויף דעם גאנצען לעבען. איך קען פערזיכערען, דאס איך בעהאנדעל מיינע פא־ציענטען מיט דער גרעסטע פאָרזיכטיגקייט ביז זיי ווערען פאָלשטענדיג קורירט.

דאָקטאָר לעאָנאַרד לאַנדעס,

האָספיטאַל ספעציאַליסט,

140 איסט 22טע סטריט, ניער לעקסינגטאָן עוועניו, ניו יאָרק.

פרויען ווירד עמפפאנגען בלויז יעדען דיענסטאג, פון 2 ביז 5 אוהר נאכמיטאג.